ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת תזריע

אידיש

**527**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# שבעה ועשרים

## • תזריע •

אין דעם פרק ווערן ערקלערט די סיבות וואָס זענען גורם אַלע עבירות און פאַרמיידן פון אַ מענטש די וועגן פון תשובה; דער ענין פון ״שובו בנים חוץ מאחר״; אַ מסירת מודעה וואָס אַ מענטש זאָל זאָגן איידער ער שטאַרבט.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון זיבן און צוואַנציגסטער פרק


א. דריי סיבות פאַר יעדע זינד, וואָס עס האָט געשריבן דער מחבר פון ספר "עוללות אפרים". ......ג
ב. פיר סיבות וואָס טוען פאַרמיידן פון דעם מענטש די וועגן פון תשובה – אויך פון דעם בעל מחבר פון ספר "עוללות אפרים" ......ד
ג. נאָך 6 סיבות וואָס טוען אָפּשוואַכן דעם מענטש פון טוהן תשובה, און יעדעס איינע פון די 6 סיבות האָט אַן אָפּוועגדונג אויף איר זייט. ......ו
ד. פון ספר "אבן בוחן" – ער הויבט אויף זיין משל אויף די מענטשן וואָס האָבן איבערגעלאָזט דעם אויבערשטן ......ח
ה. דיין יצר הרע זאָל דיך נישט איבעררעדן אַז אויב דו וועסט זיך שטאַרקן אויף דיינע גלוסטונגען וועסטו שטאַרבן ......ט
ו. אַ מענטש זאָל לערנען אין אַ צימער מיט אַ נידעריגן דאַך, אין אַ בנין פון ציגל וואָס זיין בוידעם האָט קליינע העלצער, און אַ טעם דערויף. ......ט
ז. ער זאָל לערנען צווישן מענטשן וואָס זענען אָרים און האַלטן זיך נידעריג. ......י
ח. דער מענטש זאָל אָפּהיטן זיינע אויגן ווען ער גייט אויף די גאַס. ......יא
ט. אַ מענטש זאָל זיך נישט מייאש זיין פון תשובה ......יב
י. אַ וועג ווי אַזוי דער מענטש זאָל זיך קענען שטאַרקן אויף די שטערונגען פון דעם יצר הרע צו טוהן אַ מצוה ......יב
יא. אַ סאַך ביישפילן מעורר צו זיין דעם מענטש צו גיין מיט זריזות אין שוהל אַריין ......יג
יב. דער וואָס פאַסט דריי טעג און דריי נעכט – איז דער אויבערשטער מוחל זיינע עבירות. ......טו
יג. יעדער תענית וואָס אַ מענטש פאַסט, דאַרף זיין אַזוי ווי אַ קרבן, מיט ווידוי און אַריינצוטראַכטן פאַרוואָס ער פאַסט. ......טז
יד. וואָס אַ מענטש זאָל טוהן אויב ער איז נישט בכוח צו פאַסטן ......טז
טו. באַלד ווען אַ מענטש זינדיגט זאָל ער תשובה טוהן ......טז
טז. אַ מענטש זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם אַז ער וועט תשובה טוהן אויף די עלטער, פאַר'ן שטאַרבן, ווייל דעמאָלט טוט דער יצר הרע שטאַרק איבעררעדן דעם מענטש אַז ער זאָל ח"ו לייקענען אין זיין באַשעפער, און אַז אַזוי וועט ער געראַטעוועט ווערן, און דער מענטש וואָס הערט זיך צו צו דעם יצר הרע זיין גאַנץ לעבן, וועט אויך דעמאָלט זיך צוהערן צו זיינע רייד און ער וועט זיך לאָזן איבעררעדן פון אים – אַ שרעקליכע מעשה וועגן דעם. ......יז
יז. אַ מענטש זאָל מוסר מודעא זיין ביי זיין לעבן, אַז אויב ח"ו ער וועט פאַר זיין פטירה מודה זיין צו די רייד פון דעם שטן, זאָלן אַלע זיינע רייד זיין בטל ומבוטל, אָן קיין שום קראַפט. ......יט
יח. אַ מודעא וואָס אַ מענטש זאָל זאָגן וועגן הוצאת זרע לבטלה, רחמנא ליצלן. ......כג
יט. די מזיקים וואָס ווערן באַשאַפן פון זרע לבטלה ח"ו, באַגלייטן דעם מענטש נאָך זיין טויט, און אַן עצה ווי אַזוי דער מענטש קען זיך ראַטעווען פון זיי. ......כו
כ. מען דאַרף אַכטונג געבן ווען דער מענטש שטאַרבט, אַז קיין איין גליד פון זיין קערפער זאָל נישט בלייבן אינדרויסן פון זיין בעט. ......כז
כא. אַ מענטש דאַרף זיך ריינִיגן אויף די וועלט כדי זיין נשמה זאָל נישט פאַרשטויסן ווערן אויף יענע וועלט ......כז
כב. אַ תפילה צו זאָגן פאַר אַ מענטש וואָס האָט געזען קרי רחמנא ליצלן ......כח


❖ ❖ ❖

# פרק שבעה ועשרים

**דריי סיבות פאַר יעדע זינד, וואָס עס האָט געשריבן דער מחבר פון ספר ״עוללות אפרים״.**

**א. יקום האדם,** דער מענטש זאָל אויפשטיין, און ער זאָל זיך דערוועקן צו זען וואָס דער רב בעל **עוללות אפרים** שרייבט: דער נביא דערמאנט דריי מאָל דאָס וואָרט ״הוי״:

**א׳,** איין מאָל ״הוי מושכי העון״, ווי איז צו די מענטשן וואָס ציען אויף זיך די זינד.

**ב׳,** דאָס אַנדערע מאָל זאָגט דער נביא ״הוי חכמים בעיניהם״, ווי איז צו די מענטשן וואָס עס דאַכט זיך זיי אַז זיי זענען קלוג.

**ג׳,** דאָס דריטע מאָל שטייט ״הוי גבורים לשתות יין״, ווי געשריגן, זיי זענען גיבורים, שטאַרקע מענטשן צו טרינקען וויין. דאָס איז דערפאַר ווייל צוליב דריי סיבות טוט דער מענטש די זינד.

א) איין סיבה איז, ווייל די עבירה איז גרינג אין זיינע אויגן. מיר געפינען אַ סאַך עבירות וואָס מענטשן זענען עובר אויף זיי גלייך, אַזוי ווי רכילות, לשון הרע, פאַלש שווערן, און דברים בטלים, און קלות ראש, און נאָך ענליכע עבירות, אָבער באמת זענען זיי די גרעסטע עבירות. און ווייל זיי זענען גרינג ביי פראָסטע מענטשן, זענען זיי עובר, און טוען זיי איין מאָל, און נאָך אַמאָל, ביז עס ווערט ביי זיי ווי אַ ריכטיגער היתר.

ב) די צווייטע סיבה איז, ווייל יעדער מענטש איז קלוג ביי זיך, און אויף יעדע עבירה ווייזט ער פיל טעמים, ווי אַזוי ער האָט עס געמעגט אָדער געמוזט עובר זיין, און ער הערט זיך נישט צו צו קיין שטראָף רייד, און ער האָט נישט קיין חרטה און טוהט נישט

קיין תשובה אויף די עבירות, און די דאָזיגע סיבה איז פאַראַן ביי אַ סאַך מענטשן.

ג) די דריטע סיבה איז, ווייל דער מענטש איז אַריינגעטוהן אין די נאַרישע גלוסטיקייטן פון דער וועלט, עסן, טרינקען, עשירות, כבוד, און דאָס גלייכן. דאָס שלאָגט די מענטשן מיט פאַרבלענדקייט, אַז זייערע אויגן זאָלן נישט זען וואָס זייער סוף וועט זיין.

**על,** צוליב די דאָזיגע דריי סיבות קומט דער מענטש צום משפט.

**נגד,** קעגן דער ערשטער סיבה זאָגט דער נביא, ווי געשריגן אויף די מענטשן וואָס ציען זינד מיט פאַלשע שטריק. דאָס איז דער יצר הרע.

**נגד,** קעגן דער צווייטער סיבה זאָגט דער נביא, ווי געשריגן אויף די מענטשן וואָס האַלטן זיך פאַר קלוג.

**ושלישית,** קעגן דער דריטער סיבה זאָגט דער נביא, ווי געשריגן, זיי זענען גיבורים צו טרינקען וויין. דער נביא פאַרגלייכט אַלע תאוות צו וויין טרינקען, וואָס עס איז מבלבל דעם שכל.

## פיר סיבות וואָס טוען פאַרמיידן פון דעם מענטש די וועגן פון תשובה – אויך פון דעם בעל מחבר פון ספר "עוללות אפרים"

**ב. עוד,** אויך דער פסוק אין דער תורה **"כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום לא נפלאת היא"**, קומט צו ווייזן אַז עס זענען דאָ פיר סיבות וואָס האַלטן אָפּ דעם מענטש פון תשובה טאָן.

א) די ערשטע סיבה איז, דער מענטש וואָס ווייסט נישט מיט וואָס ער האָט געזינדיגט, וועט ער אַוודאי נישט זוכן קיין רפואה צו זיין מכה. דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט, **"כי פשעי אני אדע"**, מיינע זינד ווייס איך. אָבער דער דאָזיגער מענטש ווייסט זיי נישט.

ב) די צווייטע סיבה איז, וואָס טייל מענטשן זענען זיך מייאש פון תשובה, ווייל זיי זענען אַז זייערע עבירות האָבן דערגרייכט ביזן הימל, טראַכטן זיי, אַז פאַר זיי וועט קיין תשובה נישט העלפן.

ג) די דריטע סיבה, וואָס מען געפינט זי ביי רוב מענטשן, איז, וואָס זיי זענען אַריינגעטוהן אין די תאוות פון דער וועלט. דעריבער לייגן זיי אָפּ די תשובה פון איין טאָג אויף דעם אַנדערן, ביז דער מענטש בלייבט אַלע זיינע טעג מיט די עבירות.

ד) די פערטע סיבה איז געווענליך ביי די האַנדלס לייט, וואָס זיי לייגן אָפּ די תשובה ביז זיי וועלן פאַרקויפן די סחורה און וועלן ענדיגן זייערע געשעפטן. אָבער איין געשעפט שלעפט דאָס אַנדערע, ביז זיי שטאַרבן מיט זייערע זינד.

**ג. וזהו**, קעגן דער ערשטער סיבה זאָגט דער פסוק: **"לא נפלאת היא"**, דו וועסט נישט געפינען די תשובה ביי אַ מענטש וואָס זיינע עבירות זענען פאַרהוילן פון אים.

**כנגד**, קעגן דער צווייטער סיבה זאָגט דער פסוק: **"ולא רחוקה"**, דו וועסט נישט געפינען די תשובה ביי די מענטשן וואָס דערווייטערן זייער צייט פון איין טאָג אויף דעם אַנדערן. ער זאָגט צו זיין יצר טוב, גיי אַוועק און קום צוריק שפּעטער, און מאָרגן וועל איך טוהן אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט באַפוילן.

**וכן**, און אַזוי האָט שלמה המלך געזאָגט, **"אל תתהלל ביום מחר כי לא תדע מה ילד יום"**, דו זאָלסט דיך נישט באַרימען מיט דעם מאָרגנדיגן טאָג, ווייל דו ווייסט נישט וואָס דער טאָג קען ברענגען.

**כנגד**, קעגן דער דריטער סיבה זאָגט דער פסוק: **"לא בשמים היא"**, דו וועסט נישט געפינען די תשובה ביי די מענטשן וואָס זיי זענען זיך מייאש ווייל זייערע עבירות האָבן דערגרייכט ביזן הימל.

**כנגד,** קעגן דער פערטער סיבה זאָגט דער פסוק: **"ולא מעבר לים היא"**, דו וועסט איר נישט געפינען ביי די סוחרים וואָס פאָרן אויף דעם ים.

**נאָך 6 סיבות וואָס טוען אָפּשוואַכן דעם מענטש פון טוהן תשובה, און יעדעס איינע פון די 6 סיבות האָט אַן אָפּווענדונג אויף איר זייט.**

**ד. ונראה,** און מיר געפעלט צו זאָגן, אַז עס זענען דאָ נאָך זעקס סיבות וואָס פאַרמיידן דעם מענטש פון צו טוהן תשובה, און צו יעדע סיבה איז דאָ איר אָפּווענדונג.

**והנם,** די דאָזיגע זעקס סיבות זענען מרומז אין די פסוקים "שובה ישראל עד ה' אלקיך כי כשלת בעונך, קחו עמכם דברים ושובו אל ה', אמרו אליו כל תשא עון וקח טוב ונשלמה פרים שפתינו".

**סבה,** די ערשטע סיבה איז, אַז ער זאָגט, אַפילו ווען איך וועל שוין תשובה טוהן, וועל איך שוין נישט קענען קומען צו מיין ערשטע מעלה אַזוי ווי פריער, ווען איך בין אָנגערופן געוואָרן "ישראל", וואָס ווייזט אויף חשיבות און צידקות, נאָר איך בין אין דער בחינה פון "יעקב", וואָס ווייזט אויף נידעריגקייט און אויף זינד.

**ולשלול,** און כדי דאָס אויסצושליסן פון דעם מענטשנ'ס געדאַנק, זאָגט דער נביא **"שובה ישראל"**, טו תשובה, וועסטו זוכה זיין אָנגערופן צו ווערן מיט דעם נאָמען "ישראל", אַזוי ווי פאַר דער זינד.

**סבה ב',** די צווייטע סיבה איז, דער מענטש ווערט אָפּגעשוואַכט פון צו טוהן תשובה, ווייל ער זאָגט, כאָטש איך וועל זוכה זיין צו עולם הבא, וועל איך אָבער נישט קענען שטיין מיט די צדיקים פאַר די שכינה.

**לכן,** דערויף זאָגט דער נביא, **"עד ה' אלקיך"**, דורך דער תשובה

וועסטו קומען מיט אַלע צדיקים ביז דיין גאָט, נאָענט צו אים ממש.

**סבה ג׳,** די דריטע סיבה איז, דער מענטש האַלט זיך צוריק פון תשובה טוהן, ווייל ער קען זיין טבע, אַז זי קען נישטליידן צו פאַסטן און זיך אָנצוטוהן סיגופים.

**לשלול,** כדי אויסצושליסן די דאָזיגע מחשבה זאָגט דער נביא ״**קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳**״, נעמט מיט אייך רייד און קערט זיך צוריק צו דעם אויבערשטן. דאָס מיינט, מיט ווידוי פון רייד אַליין קענסטו תשובה טוהן, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט.

**סבה ד׳,** די פערטע סיבה איז, אַז דער מענטש שעמט זיך צו פרעגן מענטשן וואס עס זענען די וועגן פון תשובה.

**לשלול,** דערויף זאָגט דער נביא, ״**ושובו אל ה׳**״, עס איז גענוג איר זאָלט תשובה טוהן אַז קיינער זאָל נישט וויסן, און איר דאַרפט גאָרנישט פרעגן קיין מענטשן. דער עיקר איז נאָר צו פאַרלאָזן די זינד און נישט טוהן נאָך אַמאָל, און דאָס דאַרף ער ביי קיינעם נישט לערנען.

**סבה ה׳,** די פינפטע סיבה איז, דער מענטש פוילט זיך אַמאָל תשובה צו טוהן, ווייל ער טראַכט, איך האָב געטוהן צופיל עבירות און ווען קען איך טוהן גענוג מצוות אַקעגן די עבירות. דערויף זאָגט דער נביא: ״**כל תשא עון וקח טוב**״, ער זאָל בעטן פון דעם אויבערשטן אַז ער זאָל אים פאַרגעבן אַלע עבירות, און ער זאָל איבערקערן די עבירות צו מצוות, ווייל ווען דער מענטש טוט תשובה, ווערן די עבירות איבערגעקערט צו מצוות.

**סבה ו׳,** די זעקסטע סיבה איז, ווייל דער מענטש טראַכט אַז ער מוז ברענגען אַסאַך קרבנות, און יעצט זענען דאָך נישטאָ קיין קרבנות, וועט ער מוזן געבן אַ סאַך צדקה אנשטאָט די קרבנות, און ווען דער מענטש טראַכט אַזוי, פאַרמיידט ער זיך פון טוהן תשובה.

**לשלול**, כדי אויסצושליסן די דאָזיגע מחשבה, זאָגט דער נביא, "**ונשלמה פרים שפתינו**", מיר קענען באַצאָלן די קרבנות מיט אונזערע לעפצן, ווייל ווען אַ מענטש לערנט די דינים פון קרבנות, איז גלייך ווי ער איז מקריב קרבנות, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט.

## פון ספר "אבן בוחן" – ער הויבט אויף זיין משל אויף די מענטשן וואָס האָבן איבערגעלאָזט דעם אויבערשטן

**ה. והנני**, איך וועל דאָ שרייבן וואָס עס שטייט אין ספר "אבן בוחן", אַ משל וועגן די מענטשן וואָס פאַרלאָזן דעם אויבערשטן.

**העולם**, די וועלט איז אַ גלייכע ערד, און אין איין עק איז דאָ אַ טיפער גרוב פון לייבן און שלאַנגען, אָן וואַסער, און דער נאַרישער מענטש גייט אַרום דעם גרוב און קוקט אַריין, און דעמאָלט פאַלט ער אַריין אין דעם גרוב. און ווייל דער אויבערשטער דערבאַרימט זיך איבער אים, געפינט ער וואָרצלען פון גראָז וואָס שפּראָצן אין די ווענט פון דעם גרוב און ער כאַפּט זיך אָן אין די וואָרצלען אַז ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן אונטן, טאָמער וועט ער איינגעשלונגען ווערן. דערווייל זעט ער אַ קליין לעכל אין דער וואַנט, אין וועלכן עס גייט האָניג. האָט ער געשיקט זיין האַנט זיך צו שפּייזן דערפון. מיט איין האַנט כאַפּט ער אָן דעם וואָרצל פון די גראָז, און מיט די צווייטע האַנט לייגט ער אַריין דעם האָניג אין זיין מויל, און צוויי קעץ, אַ ווייסע און אַ שוואַרצע, עסן שטענדיג דעם וואָרצל, און דער נאַר פילט עס נישט ביז דער וואָרצל ווערט אָפּגעריסן און ער פאַלט אַריין אין דעם לייבן גרוב, און ער ווערט צעשניטן אויף שטיקער.

**ו. והנמשל**, דער נמשל איז אַ רמז וואָס עס וועט זיין דער סוף פון די נאַראָנים. די וועלט איז אַ גלייכער פלאַץ, און אין איר

איז דאָ אַ טיפער גרוב, דער גיהנם. די רשעים זענען אָנגעהאָנגען אין דעם עלענדן לעבן, און געפינען אַרום זיך די תאוות, וואָס עס איז פאַר זיי אַזוי ווי האָניג. זיי עסן דאָס זיכער, און פאַרגעסן די גרוב וואָס איז אונטער זיי.

**ז. והנה,** די צוויי קעץ, די שוואַרצע און די ווייסע, זענען דער טאָג און די נאַכט, וואָס מאַכן אַלע מאָל דינער די פעדים פון זייער לעבן וואָס זיי הענגען זיך אָן אין דעם, אָבער צום סוף וועלן זיי צעריסן ווערן און זיי וועלן אינגאַנצן אַראָפּפאַלן. ווי איז צו דעם טאָג אין דער צייט פון צאָרן, ווען זיי וועלן עסן די ביטערע פרוכט פון זייער נאַרישקייט.

**דיין יצר הרע זאָל דיך נישט איבעררעדן אַז אויב דו וועסט זיך שטאַרקן אויף דיינע גלוסטונגען וועסטו שטאַרבן**

**ואל,** און דיין יצר הרע זאָל דיך נישט פאַרזיכערן, צו זאָגן, וואָס זאָל איך טוהן אַז איך קען זיך נישט צוריקהאַלטן פון מיינע שלעכטע גלוסטונגען?

**זהו,** די דאָזיגע טענה איז אַ גרויסער ליגן, וואָס וועסטו ענטפערן, אַז דו גלוסט צו זיין אַ קעניג, און כאָטש דו דערגרייכסט נישט דיין גלוסטונג צו זיין אַ קעניג, שטאַרבסטו נישט. און אַזוי אויך שטאַרבט נישט דער רשע אפילו אויב ער קען נישט האָבן אַלע זיינע גלוסטונגען. און אויב אַזוי, ווי אַזוי וועסטו קענען ענטפערן אין דעם יום הדין, איך האָב נישט געקענט באַזיגן מיין תאווה ווייל איך וואָלט געשטאָרבן, עס איז דאָך נישט ריכטיג.

**אַ מענטש זאָל לערנען אין אַ צימער מיט אַ נידעריגן דאַך, אין אַ בנין פון ציגל וואָס זיין בוידעם האָט קליינע העלצער, און אַ טעם דערויף.**

**ח. והנני,** איך וועל דיר מודיע זיין אַ דרך אין לערנען, אַז דיין יצר

הרע זאָל נישט געפינען קיין אָרט דיך מבטל צו זיין פון תורה. ווען דו ווילסט לערנען, זאָלסטו נישט אויסקלויבן דווקא צימערן וואָס די פענצטער זענען אָפן צו די וויינגערטער, צו די גערטנער, צו דעם ווינט אָדער צו דעם ים, צו די בערג אָדער די פעלדער. דו וועסט זאָגן, אַז די לופט מאַכט לייכטן די אויגן צו פאַרשטיין דאָס לערנען.

**דע,** זאָלסטו וויסן, אַז דאָס רעדט דער יצר הרע, כדי דו זאָלסט האָבן אַ פאַרגעניגן פון דעם וואָס דו זעסט און מיט דעם וועט ער אויך אָנרייצן אויף דיר דעם שלאָף אַ גאַנצן טאָג, צוליב דעם פאַרגעניגן, און דו וועסט מבטל זיין פון לערנען תורה.

**ט.** אויך וועט ער דיך אָנרעדן אַז דו זאָלסט זען די שיינע געוויקסן און דו זאָלסט מאַכן אַ ברכה, אָבער זיין כוונה איז כדי דיך מבטל צו זיין פון לערנען.

**י. לכן,** דעריבער, אויב דו ווילסט לערנען, קלויב פאַר דיר אויס אַ געוועגליך אָרט, וועסטו נישט האָבן אויף וואָס צו קוקן, נאָר אין ספר אַריין, און דיין יצר הרע וועט נישט האָבן אַן אָרט דיך מבטל צו זיין פון לערנען תורה.

## ער זאָל לערנען צווישן מענטשן וואָס זענען אָרים און האַלטן זיך נידעריג

**יא. ואני,** און איך זעלבסט נעם מיר הימל און ערד אַלס עדות, אַז וואָס דער אויבערשטער האָט מיך געלייטזעליגט מחדש צו זיין אין דער תורה און צו דרש'ענען יעדן שבת, דאָס איז ווייל איז בין שטענדיג געווען צווישן די אָרימעלייט, די פאַרשטאַנדיגע און די נידעריגע, ווייל אין די ערשטע רוט אַוודאי די שכינה, און זי העלפט דעם מענטש צו פאַרשטיין און מחדש זיין אין דער תורה.

**יב. ודע,** און וויס באמת אַז דער מענטש קען מער לערנען מיט אַזעלכע מענטשן וואָס האָבן אַ נידעריג געמיט, כאָטש זיי

קענען נישט אַזוי גוט לערנען, ווי מיט גרויסע לומדים וואָס האַלטן זיך פאַר אַזעלכע גרויסע תלמידי חכמים וואָס זייערס גלייכן איז נישטאָ, אָבער צוליב זייער גאווה, ווען עמיצער זאָגט פאַר זיי אַ חידוש אין דער תורה, זענען זיי אים נישט מחזיק טובה, און זיי זענען מדחה זיינע רייד, און אַז יענער זעט דאָס, פלייסט ער זיך נישט מחדש צו זיין, און ער טראַכט ביי זיך אַז זיין שכל קומט נישט צום לערנען, און עס בלייבט ביי אים אין האַרץ אַז ער איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו לערנען תורה, און ער שיידט זיך אָפּ פון לערנען צו אַ מלאכה. אָבער דער מענטש וואָס לערנט תורה צווישן די אָרימע לייט וואָס האָבן אַ נידעריג געמיט, און ווען כאָטש זיי זיינען נישט אַפילו אַזעלכע גרויסע תלמידי חכמים, וואָס פאַראַ חידוש מען זאָגט פאַר זיי איז גרויס אין זייערע אויגן, און זיי זענען עס מחבב, און מאַכן גרויס דעם חידוש, און ווען ער זעט דאָס גייט אַריין פרייד אין זיין האַרץ, און ער זעט מחדש צו זיין נאָך און נאָך, און ער זיצט און לערנט ביז ער ווערט אַ גרויסער למדן, און דעמאָלט וועט ער שוין באמת מחדש זיין וואונדערליכע חידושים, און דאָס איז אים גורם ווייל ער איז קובע זיין לערנען צווישן די חכמים אָרימע לייט.

## דער מענטש זאָל אָפּהיטן זיינע אויגן ווען ער גייט אויף די גאַס

**יג. עוד,** נאָך זאָלסטו האָבן אַ כלל אַז דיין יצר הרע זאָל נישט געוועלטיגן אויף דיר. ווען דו גייסט אויף דעם מאַרק און דו זעסט ווייבער קומען אַנטקעגן דיר, זאָלסטו אַראָפּבייגן דיינע אויגן צו דער ערד ביז זיי וועלן אַריבערגיין, און דו זאָלסט נישט קוקן אויף זיי. און איך האָב פיל מאָל געשריגן אויף די ווייבער וואָס זיצן אינמיטן, ביי די טירן פון זייער הויז, און יעדער מענטש וואָס גייט אַדורך קוקט אויף זיי.

## אַ מענטש זאָל זיך נישט מייאש זיין פון תשובה

**יד. ואם,** און אויב דער מענטש וועט זאָגן, איך ווייס אַז איך האָב געטוהן גרויסע עבירות, דעריבער, וואָס איז פאַר מיר אַ חילוק יאָ צו קוקן אָדער נישט, סיי ווי סיי בין איך שוין פאַרלוירן. זאָלסטו וויסן אַז דו ביסט זיך טועה, ווייל עס איז נישטאָ קיין שום זאַך וואָס זאָל שטיין קעגן תשובה.

**טו. וכמ״ש,** ווי דער בעל ״ראשית חכמה״ שרייבט, די גמרא זאָגט, ״כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה חוץ מצא״, מיינט מען אַז וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא זאָגט אַז דער מענטש זאָל טוהן, זאָל ער טוהן, אויסער אַז ער זאָגט, גיי, דיר וועט שוין נישט העלפן קיין שום תשובה, זאָלסטו דאָס נישט פאָלגן, נאָר זאָלסט טוהן תשובה, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא וויל דיך נאָר פרובן.

**טז.** דער כלל איז, אַז עס איז נישטאָ קיין שום זאַך וואָס זאָל שטיין קעגן תשובה. נו, ווי קען דער מענטש זאָגן, איך ווייס אַז פאַר מיר וועט שוין נישט העלפן קיין תשובה, דעריבער וועל איך טוהן וואָס מיין האַרץ באַגערט.

**לא,** עס איז נישט אַזוי, נאָר אויב ער האָט פיל געזינדיגט באַקומט ער נאָך מער מעלה דורך דער תשובה, ווייל ער איז געוואוינט מיט די עבירות, און ער קערט זיך פאָרט צוריק צום אויבערשטן. אָבער דער וואָס האָט נישט פיל געזינדיגט, איז די תשובה ביי אים נישט אַזוי שווער, דעריבער באַקומט ער נישט אַזאַ גרויסע מעלה.

## אַ וועג ווי אַזוי דער מענטש זאָל זיך קענען שטאַרקן אויף די שטערונגען פון דעם יצר הרע צו טוהן אַ מצוה

**יז. עוד,** נאָך אַ גוטן וועג וועל איך דיך לערנען, אַז ווען טוהסט עפּעס אַ מצוה, זאָל דער יצר הרע נישט קענען געפינען אַן אופן דיך אָפּצוהאַלטן פון איר. דעריבער ווען די מצוה קומט צו דיין האַנט, זאָלסטו תיכף לויפן איר צו טוהן. דו זאָלסט גאָרנישט טראַכטן,

ווייל וויבאַלד דו וועסט נאָר טראַכטן אין איר, האָט דער שוין יצר הרע זיכער אַן אָרט דיך מבלבל צו זיין מיט מחשבות און עצות דיך אָפּצוהאלטן, אָבער אַז דו וועסט תיכף לויפן טוהן די מצוה, וועט ער דיך נישט בייקומען, ווייל דער וואָס וויל טוהן אַ מצוה, העלפט מען אים פון הימל.

## אַ סאַך ביישפילן מעורר צו זיין דעם מענטש צו גיין מיט זריזות אין שוהל אַריין

**יח. גם,** אויך תיכף ווען דו כאַפּסט זיך אויף פון שלאָף, און דו עפענסט דיינע אויגן, וואַרף תיכף אַראָפּ די דעק פון דיר, און שטעל דיך אויף דיינע פיס, און טראַכט נישט אפילו איין רגע, ווייל דאָס איז דער אָנהייב פון דעם יצר הרע, דו זאָלסט נאָך שלאָפן, דו זאָלסט נישט גיין צום דאַוונען.

**יט. גם,** נאָך אַן עצה איז דאָ זיך מזרז צו זיין צו גיין פרי דאַוונען. דער מענטש זאָל שטעלן קעגן זיינע אויגן, אַז ווען מען זאָל אים זאָגן אַז די שטוב ברענט וואָלט ער דאָך תיכף אויפגעשטאַנען צו אַנטלויפן, טאָמער וועט ער פאַרברענט ווערן, און כאָטש עס איז זייער קאַלט און ער איז זייער שלעפעריג, און אויף דער גאַס רעגנט, פונדעסטוועגן וואָלט ער אויף דעם אַלעם נישט געקוקט, און ער וואָלט אַוודאי געלאָפן כדי צו ראַטעווען זיין לעבן. מכל שכן דאַרף ער זיך נישט פוילן אויפצושטיין צו דער דינסט פון באַשעפער, צו ראַטעווען זיין נשמה מיט זיין גוף פון דעם פייער פון גיהנם, און ער דאַרף אַוודאי נישט קוקן אויף קעלט, און אויף קיין שום זאַך.

**כ. וכן,** און אויך ווען דו ליגסט אויף דיין בעט און עס קומט אויף דיר אַ רוצח, וואָלסטו דאָך תיכף אויפגעשטאַנען צו אַנטלויפן, און דו וואָלסט דיך גאָרנישט מיישב געווען, אַזוי אויך טראַכט, אַז אויב דו וועסט נישט אויפשטיין פרי צום דאַוונען וועט אויף דיר זיין די שווערד פון מלאך המות.

**כא. גם,** אויך שטעל דיר פאָר, ווען אַ קעניג זאָל דיר זאָגן אַז גאַנץ פרי זאָלסטו קומען צו אים, ער דאַרף דיר עפּעס באַפעלן, וואָלסטו דאָך אַוודאי נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, און מכל שכן דאַרפסטו אויפשטיין גאַנץ פרי מקבל צו זיין די פני השכינה, און דערפאַר צו נעמען שכר אויף עולם הבא.

**כב. ולא,** און אפילו ווען נישט דער קעניג זאָל דיך הייסן קומען, נאָר אפילו אויב דו זאָלסט וויסן אַז גאַנץ פרי קענסטו פאַרדינען געלט, וואָלסטו אַוודאי תיכף אויפגעשטאַנען, און דו וואָלסט נישט געקוקט אויף דער קעלט, און אויף דעם שלאָף, און קיין רעגן וואָלט דיך נישט אָפּגעהאַלטן. מכל שכן דאַרפסטו אויפשטיין גאַנץ פרי מתפלל זיין פאַר דיין באַשעפער, וואָס ער שפּייזט דיך און שיקט דיר צו דיין פרנסה.

**כג. או,** אויך אַ מענטש וואָס איז געפאַלן און האָט צובראָכן אַ האַנט אָדער אַ פוס, בעט ער דאָך אַוודאי אַז עס זאָל ווערן טאָג, ער זאָל גיין צום דאָקטאָר בעטן אַ רפואה. און ווען דער מענטש טוט עס וועגן היילן אַן אבר, ווי זאָל ער עס נישט טוהן צו היילן זיין נשמה, און זיין גוף וואָס אַלע איברים הענגען אין אים, אַז ער זאָל קומען פרי פאַר זיין באַשעפער און פון אים בעטן די סליחות "**סלח לנו אבינו כי חטאנו**", פאַרגיב אונז, אונזער פאָטער, וואָס מיר האָבן געזינדיגט, דאָס איז די רפואה פון דער נשמה, "**רפאנו ה'**", הייל אונז, גאָט, דאָס איז די רפואה פון דעם גוף. און אויך די רפואה איז אַ זיכערע, און די רפואה פון אַ בשר ודם איז אַ ספק.

**כד. והרביתי,** איך האָב געשריבן פיל משלים דערויף, ווייל אַז מען חזר'ט איבער די זאַך מיט פאַרשידענע רייד, איז דאָס ממשיך דאָס האַרץ פון מענטשן, און זיי ווירקן מער אויף די וואָס הערן זיי, און אַפילו דורך פיל שטראָף רייד, "**לא יחדל פשע**", הלוואי זאָל פאַרמיטן ווערן די זינד.

**כה. שמח,** מיין הארץ פרייט זיך, אַז איין מאָל האָב איך געזאָגט פיל מוסר, און ביי דער דרשה איז געווען אַ מענטש וואָס ער האָט באַשטעלט מיט אַן אשת איש צו טוהן אַן עבירה. ווען ער האָט געהערט די שטראָף רייד וואָס איך האָב גע'דרש'נט מיט פאַרשידענע ווערטער, האָט ער זיך אָפגעהאַלטן פון זינדיגן, און מוצאי שבת איז ער געקומען צו מיר כדי מיר צו דאַנקען, און ער האָט זיך גאָרנישט געשעמט. זעט מען פון דעם אַז שטראָף רייד מוז מען דאָפלען מיט אַלערליי רייד, דורך דעם מאַכן זיי אַ צייכן, אָבער נישט אויב מען זאָגט עס בקיצור.

## דער וואָס פאַסט דריי טעג און דריי נעכט – איז דער אויבערשטער מוחל זיינע עבירות:

**כו. כתב,** דער "כל בו" שרייבט אין הלכות תשובה, דער מענטש וואָס פאַסט אין יאָר פיר הפסקות, יעדע הפסקה דריי טעג מיט דריי נעכט, איז דער אויבערשטער ברוך הוא אים מוחל זיינע עבירות.

**ואלו,** און פאָלגענד זענען די הפסקות: איין הפסקה פאַר עשרה בטבת. די אַנדערע הפסקה פאַר שבעה עשר בתמוז. די דריטע הפסקה פאַר ראש השנה. די פערטע הפסקה אין די עשרת ימי תשובה.

**כז. כתב,** דער "קיצור של"ה" שרייבט: פאַר עשרה בטבת זאָל ער פאַסטן דעם אַכטן טאָג אין חודש טבת, און דעם ניינטן טאָג אין טבת, און דעם צענטן טאָג, ווייל אין אַלע דריי טעג האָבן זיך געטראָפן צרות צו די אידן. און ביי שבעה עשר בתמוז זאָל ער אָנהייבן צו פאַסטן שבעה עשר בתמוז, און דעם אַכצנטן טאָג פון תמוז, און דעם ניינצנטן טאָג, ווייל אין די טעג צווישן שבעה עשר בתמוז און תשעה באב איז מער מצוה צו פאַסטן, און אויך כדי ער זאָל ח"ו נישט שלאַף ווערן און דאַרפן עסן אום שבעה עשר בתמוז, איז בעסער אַז ער זאָל די הפסקה אָנהייבן פון שבעה עשר בתמוז.

**יעדער תענית וואָס אַ מענטש פאַסט, דאַרף זיין אַזוי ווי אַ קרבן, מיט ווידוי און אַריינצוטראַכטן פאַרוואָס ער פאַסט.**

**כח. וידוע,** דער תענית ווערט גערעכנט פאַר אַ קרבן. דעריבער מוז דער תענית זיין גלייך צו אַ קרבן מיט דעם דיבור, און מחשבה, און מעשה.

**דיבור** איז, אַז ער זאָל זיך מתוודה זיין.

**ומחשבה,** און מחשבה איז, ער מוז זיך גוט באַטראַכטן אויף וואָס ער פאַסט און אויף וואָס ער נעמט אָן אַ תשובה.

**והמעשה,** און מעשה איז דער תענית, וואָס ער איז מקריב זיין חלב און זיין בלוט, וואָס עס ווערט אים דעמאָלט געמינערט.

**וואָס אַ מענטש זאָל טוהן אויב ער איז נישט בכוח צו פאַסטן**

**כט. ועוד,** נאָך האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט, דער וואָס לערנט די פרשה פון קרבנות איז גלייך ווי ער איז מקריב קרבנות. דעריבער, דער מענטש וואָס קען נישט פאַסטן, און ער וויל פאָרט תשובה טוהן, זאָל ער לערנען די דינים פון קרבנות, וועט עס אים זיין גערעכנט גלייך ווי ער איז מקריב קרבנות. מכל שכן דער מענטש וואָס פאַסט, און לערנט אויך די דינים פון קרבנות, איז אַוודאי גוט.

**באַלד ווען אַ מענטש זינדיגט זאָל ער תשובה טוהן**

**ל. כתב,** דער "זוהר" שרייבט, אין היכל נוגה זענען דאָ כיתות פון מלאכים וואָס רופן אויס, דער וואָס איז חייב נזיפה זאָל ער זיין אין דער נזיפה ביז ער וועט תשובה טוהן. און אַז ער טוט תשובה, רופן אויס די מלאכים, ער איז שוין מער נישט אין דער נזיפה, און פון אַצינד אָן און ווייטער וועט זיין תפילה שוין אַרויפגיין פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, אָבער איידער ער טוט תשובה זענען אַלע

טויערן פון הימל פאַרשפאַרט פאַר זיין תפילה. דעריבער מוז יעדער מענטש איבערקלערן זיינע מעשים תיכף תשובה צו טוהן, כדי מען זאָל אים פון הימל מתיר זיין די נזיפה.

**אַ מענטש זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם אַז ער וועט תשובה טוהן אויף די עלטער, פאַר'ן שטאַרבן, ווייל דעמאָלט טוט דער יצר הרע שטאַרק איבעררעדן דעם מענטש אַז ער זאָל ח"ו לייקענען אין זיין באַשעפער, און אַז אַזוי וועט ער גערעטעוועט ווערן, און דער מענטש וואָס הערט זיך צו צו דעם יצר הרע זיין גאַנץ לעבן, וועט אויך דעמאָלט זיך צוהערן צו זיינע רייד און ער וועט זיך לאָזן איבעררעדן פון אים – אַ שרעקליכע מעשה וועגן דעם.**

**לא. ובהיות**, און ווייל נישט יעדער מענטש דערמאָנט זיך תשובה צו טוהן ווען ער זעט אַז ער איז געזונט, נאָר ערשט אויף דער עלטער טוט ער תשובה, און דאָס רוב מענטשן טוען תשובה ערשט פאַר זייער טויט, און ווייל זיי זענען איינגעוואָרצלט אין די תאוות פון דער וועלט, דורך דער עצה פון דעם יצר הרע, בשעת זיין נשמה וויל אַרויסגיין פון זיין גוף, רעדט ער אים אָן אַז ער זאָל לייקענען אין זיין באַשעפער וועט ער ניצול ווערן, און דער רשע וואָס איז געגאַנגען נאָך זיין עצה, אַז ער זעט פאַר זיך דעם טויט, ווערט ער איבערגערעדט צו אים, און לייקנט אין דעם אויבערשטן ברוך הוא.

**לב. לא כן**, נישט אַזוי איז דער מענטש וואָס דינט ער לעבט דינט ער דעם אויבערשטן, און ער איז באַהעפט אין זיין תורה. דער דאָזיגער מענטש איז שוין געוואוינט נישט צו הערן דעם יצר הרע. דעריבער, ווען ער קומט אים איבעררעדן פאַר זיין טויט, נייגט ער נישט זיינע אויערן אים צו הערן.

**לג. וסיפר**, און איינער פון די רבנים האָט מיר דערציילט, אַז זיין פאָטער, דער רב, איז אַמאָל געגאַנגען מיט אַ שליחות

אין אַ שטאָט, איז דאָרט געווען אַ כיתה בחורים וואָס עס איז נישט געווען קיין עבירה וואָס זיי האָבן איר אַוועקגעלאָזט, און זיי האָבן געלייקנט אין דער תורה שבכתב און אין תורה שבעל פה.

**וחלה,** און איינער פון זיי איז קראַנק געוואָרן. אין קרענק האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען מיט אַ ביטער קול צו די מענטשן וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים: ראַטעוועט מיך פון דעם וואָס שטייט נעבן מיר, און אין זיין האַנט האַלט ער אַ שווערד, צו שניידן מיין פלייש שטיקערווייז. זעט וואָס מען טוט צו דעם וואָס האָט געטוהן די דאָזיגע עבירה וואָס איך האָב געטוהן מיט מיינע חברים. און ער האָט געשריגן מיט אַ ביטער קול, אוי וויי, און ער האָט דערמאנט אַלע עבירות וואָס ער האָט געטוהן, און האָט זייער שטאַרק געבעטן פון אַלע מענטשן וואָס זענען געקומען אים מבקר חולה זיין, אַז זיי זאָלן אים ראַטעווען פון מלאך המות, און אַלע מענטשן וואָס זענען דאָרט געווען האָבן מהרהר בתשובה געווען, און ער האָט געשריגן אַכט-ניין טעג.

**עד,** ביז זיין פאָטער האָט גערופן צו די חכמים, און זיי האָבן אים געפרעגט וואָס ער זעט, האָט ער צו זיי געזאָגט אַז ער זעט דעם מלאך המות אין דערווירקליכקייט, נישט אין זיין דמיון, און ער ווייזט אים די משפטים וואָס זענען אָנגעגרייט צו אים און צו זיינע חברים.

**אמרו,** האָבן די חכמים צו אים געזאָגט, אַז ער זאָל זאָגן "**שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד**", און ער זאָל זיך מתוודה זיין אויף זיינע זינד. האָט ער געזאָגט, דער שטן שטייט אַקעגן אים, און זאָגט אַז ער וועט זאָגן שמע ישראל און זיך מתוודה זיין וועט ער אים דערפאַר אָנטוהן גרויסע יסורים, און אַז ער וועט נישט זאָגן, זאָגט ער אים צו צו ראַטעווען אים פון זיין קרענק.

**ואדרבא,** אַזוי האָט דער קראַנקער נאָך מער מחרף ומגדף געווען, און ער האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צו די חכמים, און

זיין נשמה איז אַרויסגעגאַנגען מיט די ווערטער: "איך וויל נישט זאָגן שמע ישראל". און די חכמים האָבן זיך תיכף אָפּגעשיידט פון אים, כדי זיין טומאה זאָל נישט באַהעפט ווערן אין זייערע קליידער.

**אַ מענטש זאָל מוסר מודעא זיין ביי זיין לעבן, אַז אויב ח"ו ער וועט פאַר זיין פטירה מודה זיין צו די רייד פון דעם שטן, זאָלן אַלע זיינע רייד זיין בטל ומבוטל, אָן קיין שום קראַפט.**

**לד. הרי,** פון דאַנען איז געדרונגען אַז ווייל דער רשע באַהעפט זיך ביי זיין לעבן מיט דעם שטן, רעדט ער אים אָן אויך ביי זיין טויט צו לייקענען אין דעם אויבערשטן.

**לה. לכן,** דעריבער האָבן די ערשטע חכמים זכרונם לברכה מתקן געווען, אַז דער מענטש זאָל מוסר מודעא זיין ביי זיין לעבן, אַז אויב ח"ו דורך דעם וואָס זיין דיעה וועט זיין מבולבל פאַר זיין טויט, וועט ער ח"ו מודה זיין צו די רייד פון דעם שטן, זאָלן זיינע רייד גערעכנט זיין ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן, און זיי זאָלן נישט האָבן קיין ממשות.

**לו. וקודם,** פאַר דער מסירת מודעא מוז ער תשובה טוהן מיט זיין גאַנץ האַרץ אויף די עבירות וואָס ער האָט געטוהן פון זיין יוגנט ביזן היינטיגן טאָג. אַפילו אויב ער האָט שוין תשובה געטוהן, מוז ער אַצינד נאָך אַמאָל תשובה טוהן, טאָמער ער האָט פריער נישט געטוהן מיט זיין גאַנץ האַרץ, אָבער אַצינד אַז ער דערמאַנט דעם טאָג פון דעם טויט, וועט ער אַוודאי תשובה טוהן מיט זיין גאַנץ האַרץ.

(די מסירת מודעא פון "יהי רצון" ביז "אמן" קען מען נישט שרייבן אויף אידיש, זאָל מען איר זאָגן אויף לשון הקודש):

**יהי** רצון מלפניך ה' אלקי ואלקי אבותי, הא-ל הגדול הגבור והנורא,

אשר בידו נפש כל חי ורוח כל בשר איש, כשתגיע אחר אריכות ימים ושנים בעבודתו יתברך שמו עת פקדתי, ברצון הטוב והפשוט, ברחמיו וחסדיו ובחמלתו עלי ליטול ממני נשמתי – שתהיה בעת הזאת דעתי צלולה ונכונה ומיושבת עלי, ובשכלי כמאז ומקדם להיות דבוק בו ובאחדותו ברוך הוא, ושלא לזוז מיראתו ואהבתו, עד יציאת נשמתי מגופי, עד ועד בכלל, ובקבלת עול מלכותו ואחדותו עלי ה' אחד ושמו אחד. ותהיה גם כן דעתי צלולה ומיושבת עלי להצדיק דינו ברוך הוא. הוא אמת ודינו אמת וגזרתו אמת, והכל הוא בחסד וברחמים עלי, ואעשה לו רצונו ברוך הוא ביראה ובאהבה, כי רב ושליט הוא. ובאם שיהיה רצון הבורא ברוך הוא ורצונו הטוב והפשוט לאחר אריכות ימים ושנים בעבודתו יתברך שמו, כשתגיע העת הזאת, ליסרני ביסורין קשים, ויהיה לי בלבול וטרוף הדעת, חס וחלילה, הריני מצדיק דינו הקדוש והטהור של חסד ורחמים עלי: אתה צדיק על כל הבא עלי, כי אמת עשית ואני הרשעת. אמנם באם שיבוא חס וחלילה בעת הזאת המסית והמדיח, המקטרג הגדול יצרי הרע מנעורי, להסית ולהדיח ולפתות אותי חס וחלילה לכפור בעושי יוצרי ובוראי, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, או בתורתו הקדושה והטהורה, או במצותיה, הן מצות דאורייתא או מדברי קבלה או מדרבנן, תורה שבכתב או תורה שבעל פה, או מאיזה סייג וגדר ומשמרת למשמרת חס וחלילה – הריני מוסר מודעא בצרוף קודשא בריך הוא ושכינתיה לפניכם עדה קדושה במודעא גמורה, בכל דיני מסירת מודעא שתיקנו חכמים זכרונם לברכה, שיהא הפתוי ההוא שיסית וידיח אותי כאפס וכאין וכחרס הנשבר, באם שחס וחלילה אודה לו חלילה וחלילה מתוך צער ובלבול וטרוף הדעת, ושכלי ולבי בל עמי, ואין אדם נתפס על צערו (בבא בתרא דף ט"ז ע"ב). אבל האמת מודה אני לפניכם בהודאה גמורה, שאני מאמין באלקים הבורא יתברך שמו שהוא אחד ושמו אחד, ואני מקבל עלי עול מלכותו: שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד – ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. וה' אלקים אמת ותורתו אמת, משה עבדו

נאמן ביתו אמת, ותורה שבכתב ושבעל פה אמת, וכל מצוה דאורייתא ומדברי קבלה ומדרבנן אמת, וכל דקדוקי מצות אמת, ואני מאמין בהם באמונה שלימה, תהלות לא-ל יתברך, בלב שלם ובנפש חפצה, א-ל אחד, נאמן, אדון כל המעשים ברוך הוא, ואין אני כופר חלילה וחלילה בשום מצוה מהמצות, קטנה או גדולה, מדאוריתא ומדברי קבלה ומדרבנן, רק את האלקים אני ירא. אני מאמין בשלשה עשר עיקרים בכלל ובפרט, שהבורא יתברך שמו הוא ראשון והוא אחרון ומבלעדיו אין אלקים, ושיש שכר טוב לצדיקים לעולם הבא ועונש רע ומר לרשעים, ושיהיה תחית המתים בעת שיעלה רצון הבורא יתברך שמו, שבידו להמית ולהחיות, ובביאת המשיח. והבורא יתברך שמו אינו גוף ולא דמות הגוף, והוא אור גדול ונורא מאד, אור קדוש וטהור, אור קדמון, אור צח, אור מצחצח, אור זך ונקי, אור טמיר ונעלם, אור פשוט אין סוף ברוך הוא, והוא חי וקים, מקור מים חיים ה׳ וממנו תוצאות חיים. ויקוים בי מקרא שכתוב (דברים ד, ד): ״ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כולכם היום״, ונאמר (משלי ט, יא): ״כי בי ירבו ימיך ויוסיפו לך שנות חיים״, לחיים טובים ולשלום תכתבנו אלקים חיים אמן.

יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך, ה׳ צורי וגואלי.

**לז. וטוב לאומרה,** און עס איז גוט צו זאָגן די מסירת מודעא צווישן אַסאַך מענטשן, כדי מזכה את הרבים צו זיין, אַז ווען זיי וועלן הערן ווי ער זאָגט, וועלן זיי זי אויך זאָגן. און איך, דער מחבר, האָב פיל מאָל געלייענט די מסירת מודעא צווישן אַ סאַך מענטשן אינמיטן דער דרשה, און איך האָב געזאָגט צום עולם, אַז זיי זאָלן מיר אויך נאָכזאָגן, ווייל אַ מענטש קען ח״ו שטאַרבן פּלוצלונג, דעריבער איז גוט צו זאָגן די מסירת מודעא בשעת ער איז נאָך געזונט.

**לח. גם כן,** אויך איז מעגליך, אַז אין דער קרענק זאָל זיין שכל פאַרמישט ווערן, אָדער ער וועט דעמאָלט נישט האָבן

פאַר זיך די מודעא. דעריבער איז גוט איר צו זאָגן בשעת זיין דיעה איז מיושב אויף אים, ער זאָל זיך איבערגעבן צו דעם אויבערשטן מיט אַ גוט האַרץ.

**לט. גם מצאתי,** אויך האָב איך געפונען אין קיצור של״ה, בשעת די נשמה וויל אַרויסגיין פון דעם גוף, שטייט דער שטן אויף זיין רעכטער זייט און זאָגט אים, לייקן אין דעם אויבערשטן ברוך הוא, און די נשמה וויל נישט, און ווייל ער איז דעמאָלט מבולבל, קען ער ח״ו מודה זיין. איז זיין תקנה אַז ער זאָל מכוין זיין אין די דרייצן ״אני מאמין״, און אויב ער איז נישט ביי זיין שכל, אָדער ער קען זיי נישט אויסנווייניג, זאָל זיין זוהן, אָדער זיין פאָטער, אָדער זיין פריינט, פאָרלייענען פאַר אים די ״אני מאמין״, און ער זאָל מודה זיין אין זיי, דאָס הייסט, ער זאָל זאָגן, יאָ, דאָס איז אמת, וועט אים גוט זיין.

**מ. ויאמר,** און ער זאָל זאָגן: אני מאמין, איך גלויב מיט אַ ריכטיגע גלויבונג, אַז עס איז דאָ איין גאָט ברוך הוא, וואָס ער איז נישט קיין גוף, און איז פריער פון אַלע באַשעפענישן, און מען דאַרף נאָר אים אַליין דינען, און ער האָט געגעבן די נבואה צו מענטשן, און משה רבינו עליו השלום איז געוועזן דער האַר פון אַלע נביאים, און פון דעם הימל האָט דער אויבערשטער אונז געגעבן די תורה דורך אים, און די תורה וועט נישט פאַרביטן ווערן אין קיין שום צייט. דער אויבערשטער ווייסט אַלע מעשים, ער באַצאָלט גוטס צו די צדיקים, און שלעכטס צו די רשעים. און איך גלויב אַז ער וועט שיקן אונזער משיח, אַז ער וועט לעבעדיג מאַכן די טויטע, און אויך גלויב איך אין אַלעמען וואָס אונזערע חכמים האָבן אונז געלערנט און געבאָטן אין דער תורה שבעל פה, וואָס איז מקובל ביי אַלע אידן. און אויב עס איז אַמאָל אַרויסגעגאַנגען אין מיין דיעה עפעס אַ הרהור, אַקעגן און דערווידער פון דער תורה שבכתב, און פון תורה שבעל פה, האָב איך

חרטה דערויף, און איך בעט פון דעם אויבערשטן ברוך הוא און פון זיין תורה, אַז ער זאָל מיר דאָס מוחל זיין.

**מא. אמר,** דער מחבר זאָגט, ווען "מיין פאָטער זכרונו לברכה" פלעגט גיין עמיצן מבקר חולה זיין, פלעגט ער פון אים נישט אַוועקגיין ביז ער האָט אים געצוואונגען ער זאָל זאָגן "יגדל אלקים חי" וכו', וואָס דאָרט זענען אויסגערעכנט די דרייצן "אני מאמין".

**ועד,** ביז אַהער האָב איך נישט געוואוסט דעם טעם דערפון, און אַצינד פאַרשטיי איך, אַז זיין טעם איז אַוודאי געווען כדי אים צו ראַטעווען פון דעם מלאך המות, אַז ער זאָל אים נישט צווינגען צו לייקענען אין דעם אויבערשטן ברוך הוא.

## אַ מודעא וואָס אַ מענטש זאָל זאָגן וועגן הוצאת זרע לבטלה, רחמנא ליצלן.

**מב. מצאתי,** איך האָב געפונען אין ספר "קסת יהונתן" אַ מודעא אויף די זינד פון זרע לבטלה.

**וזה,** ער שרייבט, דער סדר פון דער מסירת מודעא איז: עס מוזן זיין צען מענטשן אויסער דער וואָס איז מוסר מודעא, און זיי טאָרן נישט זיין קיין פסולי עדות מחמת משפחה איינער צום אַנדערן, און אויך נישט צו דעם וואָס איז מוסר מודעא, און מען איז זיך נוהג אַזוי צו טוהן אין די עשרת ימי תשובה, אָדער ווער עס וויל טוט עס אַפילו אינמיטן יאָר, און אויך איז מען זיך נוהג אַז יעדער פון זיי גיט עפּעס פריער פאַר צדקה.

(דאָס לשון פון דער מודעא איז נישט איבערגעזעצט, מוז מען עס זאָגן אויף לשון הקודש):

**שמעו** נא רבותי אמרי פי את אשר עם לבבי, הלא ידעתם אשר קליפה קדמה לפרי צדיק עץ חיים. וע"כ מיום ברוא אלהים אדם

הראשון לכל נוצר, תיכף בא היצר הרע הוא השטן הוא מלאך המות בחלקלקות לשונו מדבר גדולות מילין לצד עילאה ימלל, והסית אותו לאכול מעץ הדעת טוב ורע, למרות את פי אלהי ישראל מלך מלכי המלכים הקב״ה וברוך שמו ומיוחד בפי כל בשמים ובארץ. ואחר נעלה ברוח סערה ואש מתלקחת בשמים וקטרג עליו עד אשר נגזר מיתה עליו ועל כל דורות הבאים עד ימות המשיח. ומאז ועד עתה זה דרכו כל הימים לרבות הלילות על משכבו סליקו רעיונים והרהורים רעים לשמים ויצפון לדם ישרים לבלות שאול ואוצר רחם לאכזרי, וכל מעשיו להפיל את האדם מאיגרא רמא לבירא עמיקתא, ואלמלא הקב״ה עוזר לנו, אין בידינו להתחזק עליו, וכל ימי חיי האדם בצער גדול. והנה בכל מקום אשר המצא ימצא מקום מוכן לפרעון חובות ישנים וגם חדשים מקרוב הוא בעצמו או שלוחיו או גירי דיליה. והנה ידוע לכם את אשר אמרו חז״ל, אשר בשעת הסכנה הגדולה, הלא היא בעת אשר הוא סמוך ליציאת נשמת האדם, ואז הזמן היותר נאות להשיב הפקדון אשר הפקד את כל ימי הבלו לעשות תשובה, ויתודה על עונו עד דכדוכה של נפש, ויקבל עליו עול מלכות שמים רבה, וימסור נפשו רוחו ונשמתו לאשר נתנו. והוא לא כן ידמה, הפך עליו בלהות חלק משמן חכו והמה פתיחות לבלות שאול ואבדון נפשו לאמר לך עבוד אלהים אחרים, ובזה יערב ויבושם לך, והקל מעליך עול היסורים הקשים והמרים, וכל מגמתו להפילו שחת, והוא ימשול בו בגופו לעורר עליו דיני דינין קשים ומרים כלענה וראש, הכל לשוחטו בסכין פגום ולעשותו טריפה ח״ו, מלבד שאר אונסים אשר יקצרו כמה יריעות מהכיל. והנה עם מה שאמרו חז״ל, אין אדם נתפס על צערו, ואנוס רחמנא פטרו, מ״מ אם אינו עושה כלה, עושה מחיצה בינו לבין אבינו שבשמים. ע״כ הנני מוכן ומזומן מיום עד אחר מיתה, למסור נפשי רוחי ונשמתי לאל רחום וחנון עילת כל העילות וסיבת כל הסיבות ברוך הוא וברוך שמו, ובפניכם אני מוסר כל החלקים אשר הם המה בי מנפש ורוח ונשמה, להקב״ה אשר בחסדו הגדול נתן אלי, וכל מה שאעשה

מהיום עד עולם נגד המסירת מודעא הזאת, הלא המה בטלים ומבוטלם, ולא יהא ממש בדיבורי ומחשבתי או ברמיזתי, ומכל שכן במעשה ח"ו.

**והנני** מבקש מאת מעלתכם, שתצרפו עמכם השכינה הקדושה והטהורה, לבטל כל מה שאעשה מהיום עד עולם נגד מסירת המודעא הזאת, ולא יהא ממש בדיבורי או ברמיזתי או במחשבותי, לבטל אחת ממצות הקב"ה, ומכל שכן דבר היוצא מן הכלל כולו. כי אני הנני מוסר מהיום באהבה גמורה גופי נפשי ונשמתי לאל יחיד ומיוחד אשר האציל וברא יצר ועשה כל העולמות וכל הברואים. ובאם אשר יעלה על מחשבתי ח"ו נגד מסירת המודעא הזאת, בודאי כי הוא באונס גמור והכרח הגדול. ובאם המלאך המשחית יבוא לקטרג עלי מחמת אותה המחשבה, יהיו דבריו למה ולא כלום ולא יעשה שום רושם כלל. גם אבקש ממעלתכם, מאחר שאין צדיק בארץ בזמן הזה אשר לא קרה לו מקרה בלתי טהור בהוצאת זרע לבטלה באיזה אופן שיהיה. ואותן הטיפות המה חושבין אותי להם לאב ורוצין ליהנות ממני וממטתי אחר מיתתי באומרם כי אתה אבינו. בכן אבקש ממעלתכם תפלה, שתעזרוני לבקש את פני ממה"מ הקב"ה, להכניס לקדושה כל אותן הטיפות שיצאו ממני לבטלה. הן באונס, הן ברצון, הן בשוגג, הן במזיד, הן ער, הן ישן, הן בגלגול זה, הן בגלגולים אחרים הקודמים. ע"י שם הקדוש היוצא מפסוק חיל בלע ויקיאנו, בשילוב שם הוי"ה בניקוד שור"ק כזה (יחהבוו"ה), הנני מחרים ומנדה אותם המזיקים ושדין ולילין ורוחין שנבראו מטיפות קרי וזרע שלי כולם בכלל, שלא יגעו בי או במטתי או בבגדי ולא ילוו אותי לקברי ולא יהיה להם רשות ליגע בי ובנפשי בשום אופן שבעולם. ואתם גם אתם תצרפו עמכם השכינה ותחרימו אותן, באופן שלא יהיה להן כח לילך אחר מטתי ומכל שכן ליגע בי ובבגדי או בגופי או בנפשי. (אחר שאמר המוסר מודעא כל זה יאמרו העדה שלימה כולם בכלל):

**בצירוף** קודשא בריך הוא ושכינתיה קבלנו המסירות מודעא זאת, אשר מסר (פלוני ב"פ) גופו נפשו רוחו ונשמתו לעילת כל העילות וסיבת כל הסיבות. אבל מה שיעשה מהיום נגד מסירת מודעא זאת, הן במעשה, הן בדיבור, הן במחשבה, אנחנו מבטלים אותו המעשה או הדיבור או המחשבה בצירוף קוב"ה ושכינתיה, ולא יעשו בו (בפלוני בן פלונית) שום רושם כלל. גם מחרימים אנחנו בית דין בצירוף קוב"ה ושכינתיה, כל טיפות זרע שיצא (מפלוני בן פלונית) לבטלה עד היום הזה. גם אשר יצא ממנו בגלגולים הקודמים, גם אשר יצא ממנו לבטלה באונס מהיום עד אחר מיתתו. שלא יגעו (בפלוני בן פלונית), הן בו בעצמו בגופו או בנפשו, הן בבגדיו, הן במטתו. ולא ילוו אותו לקברו. וצדקו יהלך לפניו וכבוד ה' יאספו וינוח על משכבו בשלום. עכ"ל.

**די מזיקים וואָס ווערן באַשאַפן פון זרע לבטלה ח"ו, באַגלייטן דעם מענטש נאָך זיין טויט, און אַן עצה ווי אַזוי דער מענטש קען זיך ראַטעווען פון זיי.**

**מג. וכתב,** און דער ספר "טעמי מצות" איז זייער מאריך אין דעם עונש פון זרע לבטלה, און דערנאָך שרייבט ער, אַז עמיצער איז מוציא זרע לבטלה, ווערן באַשאַפן רוחות רעים, און זיי ווערן גערופן נגעי בני אדם, און נאָך זיין טויט שיידן זיי זיך נישט אָפּ פון אים, און באַגלייטן אים, ווייל זיי זענען זיינע קינדער, און קיין גרעסערער צער דערפון איז נישטאָ, רחמנא ליצלן. דעריבער האָבן די ערשטע חכמים מתקן געווען, אַז עס זאָלן אים אַרומרינגלען צען מענטשן וואָס האָבן זיך גע'טובל'ט אין דעם זעלביגן טאָג וואָס ער איז געשטאָרבן, און זיי זאָלן אים אַריינלייגן אין גרוב אַריין.

**מד. וכתב,** און דער של"ה שרייבט, אַז ביי זיין לעבן זאָל ער בלאָזן שופר מיט צען תלמידי חכמים, אַז קיין שום קינד פון זיינע ריכטיגע קינדער זאָלן אים נישט מלוה זיין, ווייל דעמאָלט קענען

די נישט גוטע וואָס זענען געבוירן געוואָרן פון זיין זרע לבטלה, אים אויך נישט מלוה זיין.

## מען דאַרף אַכטונג געבן ווען דער מענטש שטאַרבט, אַז קיין איין גליד פון זיין קערפער זאָל נישט בלייבן אינדרויסן פון זיין בעט.

**מה. וכתב,** און דער "רקנט"י" שרייבט, אַ טייל חכמי קבלה זאָגן, אַז דער מענטש מוז זיין געוואָרענט, אַז בשעת זיין טויט זאָל נישט איבערבלייבן קיין שום אבר וואָס זאָל ליגן אויסער דער מטה. דעריבער, די וואָס שטייען ביי אַ מענטש בשעת גסיסה, זאָלן זיי אַכטונג געבן אויף דעם, און דער וואָס איז געהיטן דערין, ווערט באַהעפט אין דער שכינה.

## אַ מענטש דאַרף זיך רייניגן אויף די וועלט כדי זיין נשמה זאָל נישט פאַרשטויסן ווערן אויף יענע וועלט

**מו. והנה,** אַזוי ווי עס זענען דאָ נגעים גופנים, וואָס זיי קומען אין דעם גוף פון מענטשן, אַזוי אויך זענען דאָ נגעים רוחניים, וואָס זיי ווערן באַשאַפן פון די עבירות, וועלכע זענען פוגם די נשמה. און פונקט אַזוי ווי די טהרה פון די נגעים פון דעם גוף, אַזוי אויך איז די טהרה צו דער נשמה פון די נגעים רוחניים.

**מז. כשם,** אַזוי ווי ביי די נגעים פון דעם גוף מוזן זיי געברענגט ווערן פאַר דעם כהן, אַזוי אויך איז נישט מעגליך אַז די נשמה זאָל קומען פאַר'ן אויבערשטן ברוך הוא פאַר זי ווערט ריין. דעריבער זאָל דער מענטש זיך פלייסן צו רייניגן זיך אויף דער וועלט, ווייל אויב נישט וועט מען אַרויסשטויסן זיין נשמה, ביז ער וועט ווערן גערייניגט אין די שווערע שטראָפן פון גיהנום. דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל אונז ראַטעווען דערפון, און ער זאָל געבן זיין ליבשאַפט אין אונזער האַרץ, און ער זאָל אונז העלפן רייניגן אונזער נשמה, אמן, כן יהי רצון.

## אַ תפילה צו זאָגן פאַר אַ מענטש וואָס האָט געזען קרי רחמנא ליצלן

**מח. גם,** אויך האָב איך געפונען אין ספר "חוקי חיים" פון ענין קרי, אַז אויב אַ מענטש האָט געזען קרי ח"ו, באַלד ווען ער כאַפּט זיך אויף, זאָל ער וואַשן די הענט און ער זאָל זאָגן:

**רבונו** של עולם, איך האָב דאָס דאָזיגע געטוהן אָן כוונה, זאָל זיין דער ווילן פאַר דיר אַז דו זאָלסט די דאָזיגע זינד אויסמעקן דורך דיין גרויס רחמנות, און ראַטעווע מיך פון שלעכטע הרהורים און ענליכע זאַכן אויף אייביג, אמן, כן יהי רצון.

**ובשעת,** און בשעת ער וואַשט זיך די הענט, זאָל ער מכוון זיין גלייך ווי ער טובל'ט זיך אין וואַסער, וועט עס אים זיין גערעכנט גלייך ווי ער האָט זיך גע'טובל'ט.

❀ ❀ ❀

## הוספה

# שמירת עינים

## אכטונג געבן אויף די אויגען

**אַ סאַך** איז שוין געשריבן געוואָרן איבער דעם ענין וואָס איז זייער אַקטועל, בפרט היינטיגע צייטן, ווען רוב רובם פון כלל ישראל שומרי תורה ומצוות זענען באַזעצט אין גרויסע שטעט און מדינות וואו דאָס הפקרות און פריצות בושעוועט פון אַלע זייטן אין יעדן ווינקל.

**ווי** מען טרעט נאָר אַרויס אויף די גאַס איז מען שוין אויסגעשטעלט צו אַ מבול פון נסיונות און פון סאַמע יוגענט אָנגעפאַנגען. די קליינע צאן קדשים וועלכע האָבן נישט טועם געווען טעם חטא זענען שוין אויסגעשטעלט צו די נסיוני הזמן.

**דעריבער** איז פילפאַכיג וויכטיגער אין די היינטיגע צייטן מער ווי אַמאָל **אַז די יוגנט זאָל שוין פון פריעסטן יוגנט אָנגעזאַפּט ווערן מיט התעוררות אין ענינים פון קדושה וטהרה** און וואַקסן מיט מעכטיגע כחות דקדושה צו קענען באַזיגן און בייקומען די כחות פון יצר הרע און זיינע שלוחים.

**ב)** דאָס ענין פון איינפרעגן שמירה אויף די אויגן פון קליינוויז אָן פאַרשטייט מען זייער גרינג, פונקט ווי ביים גשמיות׳דיגן טייל פון די אויג, אויב מ׳טוט זאַכן וועלכע זענען שעדליך פאַר׳ן זעה-קראַפט, אפילו אויב אין אָנהויב איז דאָס נישט באַמערקבאַר, אָבער מיט די צייט פילט עס זיך, דאָס זעלבע איז ביים רוחניות׳דיגן טייל, אין אָנהייב באַמערקט מען נישט דעם שאָדן וואָס עס טוט פאַר די נשמה, אָבער מיט די צייט פאַרפלעקט עס זייער שטאַרק און עס איז אַ גרויסער אָפּהאַלט דערנאָך צו וואַקסן בקדושה ובטהרה, ווען מען איז שוין פאַרזונקען אין מקור התאוות רח״ל.

**ג)** אין ספר חסידים שטייט (סי׳ י׳) אַז אַכטונג געבן אויף די אויגן נישט צו זעהן פרויען איז אַ זאַך וואָס דער יצר הרע שטאַרקט זיך זייער דערויף, און מען קען דעם יצה״ר נישט בייקומען נאָר אויב פון קינדווייז האָט מען זיך אַזוי געפירט. דערפאַר זאָל מען מחנך זיין די קינדער פון קליינווייז אָן און דעמאָלט וועט ער זיך שטענדיג האַלטן ביי דעם.

**ד)** עס איז ליידער אַ גרויס האַרצווייטאָג אַז אין די היינטיגע צייטן זענען אפילו די ערליכסטע און חשוב׳סטע שטיבער נישט באַוואָרענט געגנוג קעגן די אַלע סאָרטן בילדער וועלכע דער בעל דבר רוקט אַריין מיט זיינע כיטרע וועגן, צום ביישפיל די פארפאקונג פון עסן און אַנדערע שטוב געצייג (שאַכטלעך, פלאַסטיק, בעגס א.א.וו.) זענען אויסגעצירט מיט נישט שיינע בילדער, פאַרשידענע ביכלעך צו העלפן איינקויפן (קעטעלאָג) האָבן מיאוס׳ע בילדער.

**מ׳דאַרף** האָבן אָפענע אויגן און מוח צו באַמערקן און באַזייטיגן דאָס וואָס טויג נישט. געגנוג די נסיונות אין די גאַס, מ׳דאַרף עס נישט אַריינברענגען אין שטוב, אַז די קינדער זאָלן אַפילו דעמאָלס מוזן זען וואָס מ׳טאָר נישט.

**ד)** דער הייליגער אור החיים שרייבט (ויקרא י״ח ב׳ ד׳) אַז אויב מען געט נישט אַכטונג אויף די אויגן, קען מען שוין נישט אָפּהאַלטן דעם יצר הרע פון זינדיגן, אַזוי האָט השי״ת באַשאַפן די טבע פון מענטש, ער האָט די ברירה נישט צו קוקן וואָס מ׳טאָר נישט און נישט טראַכטן. אויב איינע פון די צוויי לאָזט ער הפקר, איז שוין דער יצה״ר דער בעל הבית, נישט ער, וואָס דאָס שלעפּט אים אַריין צוביסלעך אין דער וועלט פון תאוות און טומאה.

**ה)** עס בלייבט אָבער נישט שטיין ביי דעם, דער שליסל פון אַלע אַנדערע מצוות פון דער תורה ליגט באַהאַלטן אין די שמירה פון די אויגן און די מחשבה. דורכדעם וואָס אַ מענטש איז מקיים ״ולא

תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" ווערט ער אָפּגעהיטן פון זינדיגן אַ גאַנץ לעבן, ווי עס שטייט אין ספר החינוך (מצוה שפז). פון דער אַנדערער זייט, אויב אַ מענטש ווערט ח"ו קאַליע אין די ענינים, ווערט דאָס זיין אַן אָפּהאַלט אויף אַ גאַנץ לעבן מקיים צו זיין די מצות התורה, ווייל די טומאה איז כולל אַלע אברים און מאַכט רוען אַ כח הטומאה אויף אַלע אברים און כוחות, און דורך איר ווערט דער טויער ברייט געעפענט עובר צו זיין אויף אַלע לאוין, און די מצות עשה, אויב ער וועט זיי יאָ מקיים זיין, איז עס נישט קיין מצוה, ווייל ביים בורא כל העולמים איז עס נישט אָנגענומען, ווי דער אור החיים הקדוש שרייבט אויספירליך (דאָרטן).

ו) נישט בלויז ברוחניות שאַדט דאָס קוקן איבעראל, אויך בגשמיות ליידט מען זייער שטאַרק דערפון. ווייל ווען אַ מענטש איז געוואוינט צו לאָזן די אויגן קוקן אויף די גאַסן אומגעצוימט און אַלע תאוות פון עולם הזה קריכן אַריין אין די געדאַנקען, ווערט ער ווי געפאַנגען, די אַלע בילדער דרייען זיך אים אין קאָפּ און שטערן אים אויך ביים דאַווענען און לערנען. ער איז נישט רואיג און נישט באקוועם, עס פארנעמט אים דעם קאָפּ, און עס ברענגט אים דאגות אנשטאט צופרידנהייט און פרייד. (עיין ראשית חכמה שער הקדושה פ"ח אות ט"ז). די מחנכים זאָגן אַז די קינדער וועלכע זענען דאָס מערסטע פאַרטראַכט און האַלטן נישט מיט דאָס לערנען, זענען די וועלכע זעען בילדער וואָס טויגן נישט, און דאָס ווירבעלט ביי זיי אין קאָפּ.

ז) די גמרא (אין מס' ב"מ) ברענגט אַז 99 פראָצענט מענטשן שטאַרבן פון עין הרע. פרעגן די מפרשים, וואָס איז נעבעך שולדיג דער וועמען עס גייט גוט און די השפעה גיסט זיך ביי אים, בפרט אויב ער האָט אַליין זוכה געווען דערצו דורך מצות ומעשים טובים, מיר ווייסן דאָך אַז השם יתברך שטראָפט נישט אָן אַ סיבה. דער תירוץ איז אַז עין הרע איז אַ שטראָף קעגן די וועלכע היטן נישט די אויגן. "עין הרע"

מיינט אַ שלעכט אויג, דער וועלכער זעטיגט די אויגן מיט בילדער און צורות וואָס מ׳טאָר נישט, אויף אים קען שולט זיין אַן עין הרע, אַ בייז אויג. (ברכות כ. וחיד״א בספר דבש לפי). און אויב אַזוי אַז כמעט אַלע שטאַרבן פון אַן עין הרע ל״ע, ווי ווייט דאַרף מען היטן די אויגן.

**ח)** די אויגן זענען די שטאַרקסטע פון די חושים וועלכע אַ מענטש פאַרמאָגט. דערפאַר דער וועלכער קען נישט זעהן ווערט פאַרגליכן צו אַ מת. און ער איז אויך פטור פון אַלע מצוות. אַלץ וואָס אַ מענטש זעט ווערט פאָטאָגראַפירט און אָנגעקלעבט אויף די נשמה וועלכע ליגט אין מוח, די אויגן זענען ווי דאָס גלאָז פון אַ פאָטאגראַפיר אַפּאַראַט, און דער פילם וועלכער כאַפּט דאָס בילד אויף זיך איז דער נפש פון מענטש, דערפאַר איז דאָס קוקן מער שעדליך ווי ווען איינער הערט אָדער שמעקט וואָס עס טויג נישט.[1]

**ט)** עס בלייבט אָבער נישט שטיין ביי דעם. עס איז פּוגם ביז אַרויף צום שורש פון די נשמה און אויך אויף דער וועלט ברענגט מען זיך אַריין אין אַ געוואַלדיגער טומאה.[2]

**י)** אויסער דעם איז קוקן אויף וואָס עס טויג נישט אין די גאַסן אָדער אין ביכער, בילדער, מאַגאַזינען און אַוודאי ווידע״אָ אָדער אינטערנע״ט ווי אַ גיפט, אַ געפערליכער סם פאַר די נשמה, זאָפאָרט ווי מען קוקט אויף די זאַכן קריכט דאָס אַריין אין האַרץ פון מענטש און עס ציט אים אַראָפּ ביז אין די בלאָטע (שער התפלה, שער ניפול ד״ה ולמול).

**יא)** עס איז צום באַדויערן ווי אַזוי אַ סאַך עלטערן שפּירן נישט אַז ווידע״אָ מאַכט אָן גרויסע חורבנות אין אַ אידישע שטוב. דורך בלויז איינמאָל זען וואָס עס טויג נישט זענען יונגע קינדער, יונגלעך און מיידלעך, אינגאַנצן אַראָפּגעפירט געוואָרן פון ריכטיגן וועג.

---

[1] דברי חיים עה״ת, חנוכה דף ל״ג, מ׳, ופרשת יתרו ד״ה במדרש, ראשית חכמה שעה״ק פ״ח, קב הישר פ״ב.

[2] חיד״א בפתח עינים סנהדרין צ״ג בשם האריז״ל, קב הישר פ״ב.

אַפילו ווען פון דרויסן טראָגט מען נאָך אַ אידישן לבוש, איז אינעווייניג אַלעס אויסגעליידיגט אָן קיין שום געפיל צו תורה, דאַווענען, שבת, תפלין, און נאָך פיל ערגערס.

**פאַראַן** מענטשן וואָס ווען זיי לייענען וועגן ווידע"אָ טראַכטן זיי: מיר איז דאָס נישט נוגע, איך האָב עס נישט. עס איז אָבער נישט ריכטיג, יעדער איד מוז וויסן וועגן די שעדליכקייט דערפון. אל תאמין בעצמך, אַ מענטש קען קיינמאָל נישט וויסן ווען דער בעל דבר רוקט זיך אַריין דורך אַן אונטער-טירל. מ'דאַרף אויך וויסן כדי אַכטונג צו געבן אַז די קינדער זאָלן זיך נישט חבר'ן מיט חברים וועלכע האָבן עס אין שטוב, און צו וויסן מוחה צו זיין אויף די וועלכע האָבן דאָס, אָדער נוצן עס אויף חתונות, און אפילו ווען עס מאַכט זיך אַ סענזאַציאָנאַלע וועלטס געשעעניש וועלכע ווערט געזען ביים שכן אויפ'ן ווידעאָ, זאָל מען זיך נישט באַטייליגן אַפילו אויב מ'זעט דאָרט נישט קיין שלעכטס, ווייל אַזוי ווערט מען אַריינגעצויגן, ווי מ'זעט דאָס טאָג טעגליך.

**די** וועלכע טראַכטן אַז זיי האַלטן די כלי אין שטוב נאָר צו זען בילדער פון משפחה-שמחות, נאַרן זיך אַליין, ווייל אַפילו אויב זיי מיינען דאָס ערנסט, מיט די צייט טוען זיי אָבער אַריינרוקן אַנדערע אינטערעסאַנטע זאַכן אויך, און עס איז נישט מעגליך צו באַוואָרענען אַז די קינדער זאָלן נישט באָרגן פון חברים און חבר'טעס אַן אינטערעסאַנטן טייפ און קוקן ווען די עלטערן זענען נישט אינדערהיים, אָדער ווען מ'איז ביים חבר אין שטוב און יענעמ'ס עלטערן זענען נישט דאָרט, אָדער קוקן זיך נישט צופיל אום אויף דעם וואָס די קינדער טוען.

**און** אַפילו אויב אַלע באַוואָרענישן געלונגען פאַר די עלטערן אָבער דאָס קינד איז נתחנך געוואָרען אַז ווידע"אָ איז כשר און וואָס ער וועט טוהן נאָך די חתונה ווען ער איז אַליין דער בעל הבית, און נאָך פריער אַלס בחור ווען ער האָט שוין פרייהייט אָן אַ שיעור און איז

אַרויס פון די עלטערנ'ס קאָנטראָל, דאָס קענען די עלטערן נישט אויסהיטן. און ווי פאַרשטענדליך איז נישט יעדעס קינד געלונגען פונקט ווי די עלטערן ווילן. זיי האָבן זייער אייגענעם יצר הרע. אין אַזאַ צייט **קענען די עלטערן נישט זאָגן "ידינו לא שפכו את הדם הזה", מיר זענען נישט שולדיג, מיר האָבן גאָרנישט געקענט טוהן**, ווייל אַלעס גייט לויט'ן אָנהייב, און אויב די עלטערן האָבן מיט אַ רוהיגן געוויסן געהאַלטן (אייגנס אָדער געבאָרגט) דעם ווידע"אָ אין שטוב, האָבן זיי מיט די אייגענע הענט געעפנט די טיר פון גיהנם און באר שחת אין פנים פון די אייגענע קינדער. דאָס זעלבע מיט אינטערנע"ט אויב זיי האָבען דאָס געהאלטען אין שטיב.

**יב)** עס איז צוגעגליכן צו אַ טאַטן וועלכער בויט אַ הויכע צענ-שטאָקיגע הויז, און אינמיטן זיין דירה וואָס געפינט זיך אויפ'ן העכסטן שטאָק, איז דאָ אַ טירל וועלכע עפנט זיך און דאָרט איז הויל-ליידיג, עס ציט זיך פון אויבן ביז דעם נידעריגסטן שטאָק אונטן, אַז אויב ח"ו בטעות איינער עפענט די טיר און גייט אַריין דאָרט, טרעפט ער זיך אונטן. גאַנץ אונטן ברענט אַ פייער בקביעות פאַר די מיסט פון הויז וואָס ווערט דאָרט אַראָפּגעוואָרפן.

**וועלכער** טאַטע אָדער מאַמע וואָלט ערלויבט אַזאַ טיר אין די דירה, אפילו אויב עס איז אָפּגעשפאַרט? טאָמער ח"ו בטעות אַמאָל וועט עס נישט זיין צוגעשפאַרט, אָדער אַ קינד וועט נישטערן און וועט טרעפן דעם שליסל צו יענע טיר און עס עפענען.

**דער** נמשל איז, די ווידע"אָ אָדער ביכער מיט מאַגאַזינען וועלכע זענען די טיר צום טיפן-טיפסטן גיהנום.

**די** עלטערן וועלכע זענען ביי זיך איינגערעדט און אַנטשלאָסן אַז "מיינע מאַגאַזינען האַלט איך אין אַ ספּעציעלן קלאַזעט וואו קיינער ווייסט נישט" זענען זיך שטאַרק טועה, ווייל קינדער קומען אָן איבעראַל, בפרט ווען די עלטערן גייען אַוועק פון שטוב, וויפיל

עלטערן האָבן פאַרגעסן אָפּצושפּאַרן דעם קלאַזעט, אָדער פאַרגעסן דעם בוך אינדרויסן...

**יג)** נישט בלויז אַ פּנים פון אַ פרוי טאָר מען נישט זען, נאָר אויך סיי וועלכן אבר טאָר מען נישט קוקן בכוונה כדי הנאה צו האָבן פון קוקן, און ס'איז פונקט ווי ער וואָלט געקוקט רח"ל אויף די ערגסטע פּלעצער.[3]

**יד)** אפילו בלויז אויף מלבושים פון פרויען וועלכע ער קען טאר מען נישט קוקן, דאס זעלבע איז מיט זייערע צירונגען.[4]

**טו)** דורך די עבירה פון זען פרויען, כ"ש פריצות און אזוי ווייטער, ברענגט דאס צו האַרבע עבירות וועלכע באַשאַפן שלעכטע מלאכים וועלכע זענען פאַרכטיגע מזיקים און נאָכ'ן שטאַרבן באַגלייטן זיי אים און טוען אים אָפּ ביטערע צרות און עונשים.[5]

**טז)** פון יעדן בליק אויף אַ פרעמדע פרוי ווערט באַשאַפן אַ גרויסע פאַרכטיגע קליפה און מלאכי חבלה, וואָס אויב אַ לעבעדיגער מענטש זעט זיי שטאַרבט ער תיכף פון פחד און שרעק און זיי שטייען אַרום דעם מענטש נאָך ביים לעבן מצער צו זיין מיט וואָס זיי קענען נאָר, קרענק, אָנשיקעניש, צער גידול בנים, שוועריקייטן ביי קינדער ערציאונג ברוחניות און בגשמיות, שוועריקייטן מיט פרנסה, און פאַרכאַפּן זיינע מצות ומעשים טובים, און באַגלייטן אים און לאָזען אים נישט צורו אַפילו אויף איין איינציגע רגע נאָכ'ן שטאַרבן.[6]

**יז)** עס זענען דאָ מענטשן וועלכע טראַכטן און זאָגן, לויט ווי איך זע זענען דאָ טויזנטער מענטשן וועלכע גיבן נישט אַכטונג אויף די אויגן, אינעם זעלבן גיהנום וואו זיי וועלן זיין וועל איך אויך זיין. דאָס

---

[3] אה"ע סי' כ"א ס"א, מהר"ל נתיבות עולם נתיב הפרישות פ"ב.
[4] אה"ע שם. עבודת הקודש להחיד"א צפ"ש אות פ"ג.
[5] זוה"ק ויחי ריט: ספר טהרת הקודש פגם היסוד פגם ט"ו.
[6] טהרת הקודש, מאמר פגם העינים פ"א.

איז נישט ריכטיג און נישט אויסגעהאַלטן. מ׳זעט ביי די צווייטע וועלט מלחמה פון די נאַציס ימ״ש, האָט זיך קיינער נישט באַרואיגט קעגן זיינע טייערסטע וועלכע זענען אַוועקגעריסן געוואָרן פון אים, פרוי און קינדער, עלטערן, געשוויסטער, מיט דער באַרואיגונג אַז נאָך מיליאָנען מענטשן זענען אומגעקומען, און כל שכן אַז ביי די שווערע פייניגונגען אונטער די דייטשן אָדער קאָמוניסטן ימ״ש איז קיינער נישט באַרואיגט געוואָרן פון דעם ווייטאָג פון זיינע פייניגונגען דורך דעם וואָס אַנדערע מענטשן ליידן אויך. אַזוי אויך זעהט מען אַז מענטשען וועלכע זענען געוואָרען פאַראָרימט פון איין טאָג אויפן אַנדערן דורך באַנקראָט טראָצדעם וואָס הונדערטער האָבען מיטגעטיילט דעם זעלבן גורל פונדעסטוועגן האָט עס זייער פראָבלעם נישט געלייזט.

**ח׳)** אַ גרויסער שטער און אָפּהאַלט פון שמירת עינים (היטן די אויגן) איז די בושה, מען שעמט זיך צו גיין אויף די גאַס מיט די אויגן קוקנדיג אַראָפּ ווייל מ׳וועט לאַכן פון אים אָדער אָנקוקן מאָדנע, בפרט ווען אַנדערע מענטשן טוען נישט אַזוי. אין שולחן ערוך אורח חיים (סימן א׳) שטייט אַז אַ מענטש זאָל זיך נישט שעמען פון די מענטשן וועלכע לאַכן אָפּ און מאַכן חוזק, נאָר קריגן זאָל ער זיך נישט. אַ מענטש דאַרף זיך שטאַרקן און דורכברעכן די מדת הבושה, זיך געוואוינען נישט צו קוקן אויף דעם וואָס מענטשן רעדן און ער זאָל געדענקען אַז דער אָנהויב איז שווער אָבער נאָך דעם ווי מ׳ברעכט איין ביי זיך נישט צו קוקן אויף דעם וואָס מענטשן זאָגן ווען עס האַנדלט זיך פון עבודת הבורא ית״ש, וועט דאָס זיין אַ געוואַלדיגע הילף ביי אַ סאַך מצות און מדות טובות וואָס די סאָרט בושה שטערט זייער שטאַרק, און דורך אַוועקוואַרפן די בושה קען מען דערגרייכן גאָר הויך.

**צום** ביישפיל: דאַווענען מיט התלהבות, גיין נאָך געלט פאַר צדקה, נישט מבטל זיין פון תורה ביי געלעגנהייטן, לשון הרע, ברכות כראוי, לבוש צניעות, דקדוקי מצוה, פרישות, חומרות, חינוך, צו די

אַלע זאַכן און נאָך מער קען מען צוקומען געהעריג נאָר אויב מ'שטעלט אַוועק די בושה אין אַ זייט. וויפיל האַלטן זיך אָפּ אַרומצוגיין נאָך געלט צוליב בושה, וויפיל לשון הרע הערט מען צו און מ'שאָקלט אפילו צו מיט'ן קאָפּ צוליב בושה.

אין הייליגן ספר חסידים (סימן ט') שטייט אַז דער עיקר חסידות איז **אַפילו ווען מ'מאַכט חוזק לאָזט ער נישט אָפּ**, און אַפילו דאָרט וואו יעדער קוקט אויף פרויען קוקט ער נישט, **דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו די געוואַלדיגע גוטס וואָס איז אָנגעגרייט פאַר די צדיקים און זיינע אויגן וועלן זיך אָנזעטיגן מזיו השכינה.**

יט) ווען אַ מענטש שעמט זיך טוענדיג אַ גוטע זאַך און מען טשעפּעט אים אויך, זאָל ער טראַכטן אַז דאָס איז אַ זכות פאַר אים און דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו יראת ד' טהורה, עס רייניגט זיין האַרץ און קערפּער פון אַלעם בייזן, און ער איז זוכה צו סייעתא דשמיא זיך צו האַלטן און מען העלפט אים זוכה זיין צו תשובה שלימה, און עס איז די גרעסטע כפרת עונות פאַר אים.

כ) די וועלכע שעמען זיך ווען מען פאַרשעמט זיי און ענטפערן נישט צוריק, לעתיד לבוא וועט אים דאָס פנים שיינען און ער וועט זוכה זיין מקבל צו זיין פני השכינה.[7]

כא) דער וואָס היט זיך דעם מויל און די אויגן וועט זוכה זיין צו אַלע הייליגע מדריגות.[8]

כב) די וועלכע היטן די אויגן האָבן אַ געוואַלדיגן כח, ווען זיי בעטן השי"ת העלפט ער זיי. זייער תפילה ווערט אָנגענומען בעת צרה. אויב ח"ו פעלט אים פרנסה, אָדער אין געזונט ביי אים אָדער די קינדער, קען ער זיך גרינג אויסבעטן ביים באַשעפער.

---

[7] ויקרא רבה ד', ס"ח אות י', שבת פח:
[8] של"ה אוי קדושה.

**כג)** מען איז זוכה צו גוטע קינדער און זיי מגדל צו זיין אָן צער, אָן באַפּאַלן ווערן פון די פאַרשידענע אָנשיקעניש‍ן.[9]

**כד)** מ׳איז זוכה צו לעכטיגע אויגן אויך אויף דער עלטער,[10] און אויך צו פרנסה בריוות,[11] און צו אַ שמירה פון הימל, השם יתברך היט אים שטענדיג.[12] אַן עין הרע קען נישט שולט זיין אין אים אָדער אין די קינדער.[13] זיינע קינדער וועלן מחבר זיין ספרים אויף די תורה.[14]

**כה)** ער איז זוכה צו אַ חיות דקדושה און התלהבות מיט אַ ברען צו תורה און תפילה און אַ ליכטיגקייט אין תורה, ווי מ׳זעט בחוש אַז די מענטשן מיט אָפענע פרייע אויגן זענען קאַלט און טרוקן צום דאַווענען.[15]

**כו)** ער ווערט אַ מרכבה צו די שכינה הקדושה און עס ווערט אים פאַררעכנט ווי ער וואָלט מקריב געווען אַלע קרבנות,[16] און ער איז זוכה צו זען און הערן געטליכע זאַכן.[17]

**כז)** דער וואָס היט די אויגן, האַלט זיין הייליגע השפעה אויף אייביג צו קינדער און קינד׳ס קינדער.[18] ער איז זוכה צו זען די שכינה הקדושה אין די עולמות עליונים.[19] לעתיד וועט ער זוכה זיין צו זיין גאָר הויך צווישן די צדיקים און קדושים וואָס אויף זיי שטייט די

---

9 ס״ח תצ״ה, אמרי קדוש להשרף מסטרעליסק אות ל״ח.

10 תוכחת חיים למהרח״פ אחרי ד״ה ולענ״ד.

11 שם ואור לשמים בהעלותך בתחלתו. אמרי נועם בראשית ד״ה לחבר.

12 תפארת שלמה, מאמרי שבת, ד״ה ומעין.

13 חידי״א, דבש לפי, מערכת ר׳.

14 ספר המצות, אות ס׳.

15 עיין בית אברהם תזריע, ד״ה וראה.

16 עבודת הקודש להחידי״א, צפו״ש סי׳ ט׳ אות קכ״ח.

17 ייטב לב, וירא, ד״ה וירא, ליקוטי תורה טשערנאביל בדר׳ ז׳.

18 טהרת הקודש מ׳ שמי״ע ספ״ב.

19 באר משה, בא, ד״ה ויאמר.

וועלט, און ער וועט פילן די שיין פון קדושת בית המקדש.[20] ער באַשאַפט הייליגע מלאכים וואָס וועלן אים באַדינען[21].

**דער** הייליגער אלשיך שרייבט אַז די צדיקים וועלכע האָבען אויפן פנים דעם צלם אלקים גיבען אַכטונג געגצליך אַוועקצודרייען דעם פנים פון דעם וואָס מען טאָר נישט זעהן און באַגעניגען זיך נישט בלויז מיט פאַרמאַכען די אויגען. (אלשיך פ׳ נח)

**כח)** פון די צווייטע זייט כאַפּט אַ ציטער פון די ביטערע און שוידערליכע שטראָף וואָס קומט פאַר נישט האַלטן ריין די אויגן. דער שוידערליכער מלאך המות וועלכער רוקט זיך אָן פאַר׳ן שטאַרבן שטעלט זיך אַראָפּ נעבן דעם מענטש מיט זיינע שרעקעדיגע אויגן וואָס ער איז פול דערמיט, **וואָס יעדער אויג איז באַזונדער באַשאַפן געוואָרן פון מענטש אַליין דורך אַ בליק דאָרט וואו מ׳טאָר נישט**, און מיט זיין גרויסע שווערד איבער דעם קאָפּ פון מענטש וואַרפט ער אַ פחד און אַ מורא, דעמאָלס וואַרפט ער אַריין אין מויל אַ ביטערן טראָפּן וואָס פון דעם שטאַרבט ער.[22]

**נאָכן** שטאַרבן און באַגראָבן ווערן קומט דער ממונה וואָס הייסט פתות, וואָס ער האָט צוגערעדט דעם מענטש צו קוקן וואו מ׳טאָר נישט, און גיט אים צוריק די נשמה און כאַפּט אָן דעם מענטש מיט גרויס אכזריות און צעברעכט דעם ביין פון די אויגן, נעמט אַרויס די אויגן און שטראָפט אים מיט ביטערע שווערע יסורים, דערנאָך וואַרפט ער אים אַריין אין אַ גרוב וואָס אַנטהאַלט אַ סאַך שלענג און עגדיסן, זיי כאַפּן אים אָן און משפט׳ן אים מיט שלעכטע ביטערע דינים רחמנא ליצלן.[23]

---

[20] טהרת הקודש, מאמר שמירת עינים פ״ב.

[21] שם פ״ו.

[22] יערות דבש ח״ב דרוש ט׳, חתם סופר פ׳ בראשית בהקדמה.

[23] קב הישר פרק ב׳, וכעין זה באור צדיקים עמוד העבודה פרק א׳)

**כט) די אויגן פונעם מענטש אין עולם הבא, זייער זע-קראַפט ווערט צוגעשטעלט לויט ווי אַזוי די אויגן האָבן געזען זאַכן אויף די וועלט.** אויב מען האָט נישט אַכטונג געגעבן און געקוקט אויף פרויען, כ"ש פריצות, ווערן זיי פאַרטונקלט, ווייל די אויגן פון יענע וועלט זענען רוחניות'דיג און טומאה פאַרטונקלט און פאַרשוואַרצט דעם כח הקדושה פון די אויגן.

**וויסן** זאָל יעדער, אַז די עיקר הנאה און תענוגים אויף יענע וועלט אין גן עדן קומען דורך די אויגן,[24] און אַזוי ווי מיר זענען מאמינים בני מאמינים אַז די וועלט איז נאָר ווי אַ פאָרצימער צו יענע וועלט, איז אַוודאי נישט כדאי צוליב אַזאַ יצר הרע וועלכן מ'קען גרינג בייקומען, אָנצווערן דעם עיקר תכלית וואָס דאָס איז עולם הבא.

**ל)** דער רמב"ם שרייבט: עס איז נישטאָ אין דער גאַנצער תורה אַ זאַך וואָס איז שווער פאַר רוב מענטשן אַכטונג צו געבן דערויף ווי עריות. די איינציגע עצה איז זיך צו פירן מיט גרויס קדושה, ריינע מחשבות, כדי ניצול צו ווערן דערפון, און אויך זיך דערווייטערן פון געלעכטער (שחוק) און ניוול פה. דאָס וויכטיגסטע איז אַריינצוטוהן די געדאַנקען אין תורה, דאָרט כאַפּט זיך נישט אַריין דער יצר הרע[25].

**לא)** עס פאַלט אָן אַ פחד ומורא וואָס דער מענטש ברענגט אויף זיך מיט נישט אַכטונג געבן אויף די אויגן. יעדער ווייסט דאָך אַז דער עיקר איז יענע וועלט. מיט די מחשבה און די געדאַנקען שטופּט מען אַדורך די שווערסטע ליידן, די גרעסטע צרות און פיין, וויסנדיג אַז צו די וועלט נעמט סוף-סוף אַן עק און דערנאָך וועט מען זוכה זיין צו ליכטיגע טעג און יאָרן אָן אַ סוף און אָן ענדע. און ווי מער געליטן אויף

---

[24] עוד יוסף חי, ואתחנן, שנה א', ד"ה ולכן, שמה"ל ח"ב פ"ל.

[25] עיין רמב"ם סוף הלכות איסורי ביאה.

דער וועלט אַלץ בעסער, אנגענעמער און רייכער וועט אויסזען דער עתיד.

**די** הנאה וואָס מען געניסט יעדע רגע אויף יענע וועלט קענען מיר נישט באַגרייפן. די חז"ל טוען עס אויסמאָלן בקיצור, אויב זאָלסטו נעמען די הנאות פון די וועלט און צוזאַמענשטעלן איינס מיט איינס, אַלע טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן אויף דער וועלט, פון געבוירין ווערן ביזן שטאַרבן און מאַכן דערפון איין גרויסע הנאה, זאָלסטו וויסן אַז איין איינציגע סעקונדע הנאה אויף יענע וועלט איז מער, כל שכן יאָרן, און שטעלט זיך פאָר ווען דער תענוג איז נישט יאָרן, נאָר אומענדליך, מען ווייסט נישט פון קיין צער און ווייטאָג, יסורים, עגמת נפש, פאַרדרוס, קנאה, שנאה, נאָר תענוגים מיט שמחה. אַ בשר ודם קען נישט באַגרייפן וואָס דאָס באַדייט אַ שמחה אָן אַן עק און אָן אַ סוף.

**לב)** אָבער דאָס קומט מיט אַ תנאי (באַדינג). ווי די ספרים שרייבען קלאָר און דייטלעך אַז די הנאות פון יענע וועלט זענען דורך די אויגן וויפיל און ווי שטאַרק צו ציען תענוגים. די אויגן וועלכע זענען זוכה נהנה צו זיין מזיו השכינה זענען די גליקליכסטע, ווייל דאָרט ליגט דער אומערשעפליכער קוואַל פון תענוג און הנאה. דאָרט ליגט די ליכטיגקייט צו וועלכע אַלע נביאים און חכמים האָבן געהאָפט און געשטרעבט צוצוקומען דערצו. וואויל, טייער און לעבטיג איז פאַר דעם וואָס איז זוכה דערצו. אים פעלט שוין גאָרנישט. ער איז צוגעקומען צום העכסטן שטאַפל וואו אַ בשר ודם קען דערגרייכן. און איר טייערער לייענער קענט צו דעם דערגרייכען מיט אַ קלייניקייט, **קוק נישט וואו מ'טאָר נישט**, אָבער הייבט דאָס אָן שוין, ווייל אויב נישט ווער ווייסט ווען נאָך עס וועט זיך מאַכען אַזאַ התעוררות ביי אייך אין האַרץ, און דאָס איז אייער איינציגער עתיד, **אָהן דעם האָט איר גאָרנישט, און מיט דעם פעלט אייך גאָרנישט.**

**לג)** און וואָס איז מיט די קינדער. דער הייליגער סטרעליסקער רבי זצ"ל זאָגט: דער וועלכער היט די אויגען וועלן זיינע קינדער לעבן, ער וועט זיי אויפציען אָן צער, זיי וועלן ווערן געראַטעוועט פון טראַגעדיעס. (אמרי קודש - סטרעליסק)

**לד)** עס איז אויך די אויפגאַבע פון די מאַמע אַכטונג צו געבן אַז די קינדער זאָלען האָבען אָפּגעהיטענע אויגען און נאָכמער פונעם טאַטען, ווייל דער גאַנצער זכות פון די מאַמען אויף יענע וועלט איז פון די תורה און מצות וואָס אירע קינדער זענען מקיים אויף דער וועלט. (ר"ח פ' דרך ארץ).

## חשבון הנפש

**לג)** ווי און ביטער איז אָבער ווען מ׳קומט אַרויף אויף יענעם עולם און מ׳ווערט געוואָר אַז מ׳קען צו די אַלע זאַכן נישט זוכה זיין ווייל מ׳האָט זיך נישט געהיטן די אויגן. די אויגן, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַפּט מיט זען וואָס מ׳טאָר נישט, זענען פאַרטונקלט געוואָרן צוביסלעך. מיט יעדן שלעכטן קוק זענען זיי געוואָרן טונקעלער, ביז עס איז נישט געבליבן קיין זע-קראַפט אין זיי...

**וויפיל צער און ווייטאָג באַפאַלט דעם מענטש וואָס נאָך דורכלעבן אַזאַ שווערע עולם הזה קען ער נישט צוקומען צום ריכטיגן תענוג גן עדן, צו וועלכע פשוט׳ערע און קלענערע תלמידי חכמים פון אים האָבן זוכה געווען צוליב זייערע אָפּגעהיטענע אויגן.** און דערצו באַקומט ער אַ ביטערע שטראָף ביז גאָר, מגולגל צו ווערן אין טמא׳נע באַשעפענישן, פון וועלכע מ׳ליידט אָן אַ שיעור, ווייל ווען מ׳ווערט מגולגל אין טמא׳נע באַשעפענישן ווייסט מען אַז מ׳איז געווען אין פריערדיגן גלגול אַ נאָרמאַלער מענטש, און יעצט ליגט מען אין אַזאַ באַשעפעניש, ווי דאָס שטייט אויספירליך אין די ספרים פון האר״י ז״ל. (עי׳ יש״מ פ׳ בראשית)

**לד)** יעצט ווי לאַנג מ׳איז נאָך אויף דער וועלט, און בעיקר אין די יונגע יאָרן, איז די ריכטיגע צייט זיך פאָרצונעמען שטאַרק מיט אַ פעסטקייט נישט אויפצוהייבן די אויגן אין גאַס און נישט צו גיין אדער פאָרן דורך פלעצער וואו די נסיונות זענען גרויס אָנצוהאַלטן די קדושה פון די אויגן און נישט לאָזן ח״ו פאַרטונקלט ווערן. און אַוודאי נישט אַריינצוקוקן אין צייטונגען אָדער קאַטאַלאָגן צו טרעפן מציאות און ביליגע זאַכן, אָדער גיין אין געשעפטן וואו דאָס תערובות אָדער פריצות בושעוועט דאָרט, אפילו אויב מ׳קען זיך שפּאָרן געלט, ווייל וואָס האָט מען פון דעם געלט ריווח ווען מ׳מוז פאַרפלעקן די נשמה

און דערלייגן דעם אומענדליכן תענוג פון עולם הבא וואָס די גאַנצע וועלט געלט קען נישט ערזעצן, און דאָס געלט לינדערט נישט די גרויסע שטראָף אין גיהנום פאַר די אויגן און געדאַנקען וואָס מ'האָט ביים לעבן אָנגעפילט מיט תאוות עולם הזה.

**לה)** דאָס איז וואָס אַנבאַלאַנגט יענע וועלט, אָבער עס שאַפט נאָך גרויסע פּראָבלעמען אויך אויף דער וועלט. די ספרים ברענגען אַרויס וואָס מיר זעען ליידער אַ סאַך אַז מיט אָפענע אויגן קומט מען אָהן טיילמאָל רח"ל צום ערגסטן. די גדולים נאָך פון נאָנט צו טויזנט יאָר צוריק שרייבן אַז די אויגן זענען אַ שמירה פאַר די גאַנצע תורה[26], אויב מ'קוקט אויף פריצות און טמא'נע בילדער, דערקייקלט מען זיך ליידער זייער גרינג אָפּצולאָזן צוביסלעך דאָס דאַווענען, קריאת שמע לייענען, תפילין לייגן, כשר'ע עסן, ביז צו חילול שבת רחמנא ליצלן א.א.וו. די עבירות פאַרפירן גענצליך די געפילן, און די תורה, וועלכע איז מלא קדושה וטהרה, האָט ביי יענע נישט קיין אָרט, און ווען נישט דער לבוש פון דרויסן וואָס פאַראייניגט די אויסערליכקייט פון יעדן איינעם, וואָלט מען געזען דעם חילוק פון הימל ביז ערד צווישן בחור און בחור און יונגערמאַן מיט יונגערמאַן.

**לו)** דער סקולענער רבי האָט עפענטליך גע'דרש'נט עטליכע מאָל אַז מען זאָל זיך זייער אַכטונג געבן ווייל ליידער געפינען זיך אַ סאַך בחורים און יונגעלייט וואָס אינדרויסן קוקן זיי אויס ווי פיינע חסיד'ישע יונגעלייט אָבער אינעווייניג זענען זיי צום באַדויערן שטאַרק דורכגעפוילט. דער אָנהויב דערפון האָט זיך גענומען פון די אָפענע אויגן צו זען אַלץ אין די גאַסן פון דאָרט צו ביכער און מאַגאַזינען, ווידעאָ א.א.וו. די וואָס טוען אין צניעות ווייסן זייער אַ סאַך און באַשטעטיגן די אַלע זאַכן און נאָך מער.

[26] עיין חינוך מצוה שפ"ז.

**אויף** דעם געדאַנק אַז דאָס ברענגט חורבנות זאָגן אונז עדות פינף אידישע זיילן, וועלכע האָבן באַלויכטן די וועלט. זיי זיינען: דער חינוך, אור החיים הקדוש (זע אויבן אות ד׳ ה׳). דער בני יששכר (דרך פקודיך ל״ת ל״ה, חלק הדיבור אות א׳), דער נודע ביהודה (צל״ח ברכות ה.), דער באר מים חיים (סידור שער התפילה, שער ניפול, ד״ה ולמול). **די אַלע ברענגען אַרויס זייער קלאָר אַז דורך דעם פאַרקריכט מען רח״ל און מען קייקלט זיך אַראָפּ ביזן אָפּגרונד.** אַ שאָד וואָס מען קען דאָס נישט דערקענען אינדרויסן וואָלט מען שוין אַלעס געזען. דאָס מאַכט דעם נסיון לייַדער גרעסער.

**לז)** אַפילו דאָרט וואו עס גייט נישט אַזוי ווייט מאַכט עס אָן טיילווייזע חורבנות, עס נעמט אַוועק דעם חשק פון דאַוונען, קיום התורה והמצות ווערט געטוען כדי יוצא צו זיין מיט די גרעסטע מאָס קאַלטקייט. דער חינוך פון שטוב ווערט פאַרנאַכלעסיגט אין אַ כלליות׳דיגע קאַלטקייט צו די שטוב, וואָס עס ענדיגט זיך אַמאָל מיט גרויסע שלום בית פּראָבלעמען. אין דער גמרא שטייט אַז די וועלכע זענען ל״ע פּאַרזונקען אין די זאַכן שאַדט עס פאַר די קינדער. עס קלאַפּט אַוועק זייער אַנטוויקלונג גייסטיש און פיזיש, ברוחניות ובגשמיות. דער זוהר הק׳ דערמאנט אַז צער גידול בנים פון קינדער ביז 13 יאָר וואָס מען ליידט איז נאָר צוליב די עבירות.

**לח)** ברוך השם אַז מיר זענען נאָך אויף דער וועלט און האָבן די מעגליכקייט צו פאַרריכטן דאָס אַלטע און אָננעמען אַ פעסטן באַשלוס אויפן עתיד. אָבער דאָס מוז געשען יעצט תיכף, ווייל אויב נישט ווערט דאָס ווייטער נאָכגעלאָזט פונקט ווי ביז יעצט, און מי יודע צי מ׳וועט זיך נאָך אַמאָל דערמאנען און צוריקכאַפּן. און ווי פריער מ׳כאַפּט זיך אַרויף אויפן וואָגן, איז עס גרינגער אָנצוהאלטן און מען פאַרשפּאָרט דאָס תשובה טוהן אויף נייע מכשולות.

**יעדער** טאָג וואָס גייט אַדורך מיט זעהן אָדער לייענען וואָס מ׳טאָר נישט, איז ווי אַן אינוועסטמענט אויף ביטער שווערע שטראָף

וועלכע מען ווייסט נישט וועלכע מינוט עס לאָזט זיך אַראָפּ די גזירה, און אויב אַלעס גייט גוט אויף דער וועלט, וואָס וועט זיין אויף יענער וועלט.

**דערפאַר** זאָל אַ מענטש קיינמאָל נישט טראַכטען, איך האָב צייט תשובה צו טוהן מאָרגן, ווייל אַפילו ביי אַנדערע עבירות אויב ער הערט אויף מיט די נייע דאַרף מען אויך תשובה טוהן ווי פריער ווייל קיינער ווייסט נישט וואָס דער מאָרגען ברענגט אים, ביי די אויגען איז דאָס טויזענט מאָל וויכטיגער ווייל יעדן טאָג קומען צו אַסאַך איסורים און מכשולות ל״ע.

## עצות און הדרכה פאַר די וועלכע ווילן זיין אָפּגעהיטן

**א)** הונדערטער וועלכע לעכצן און ווילן מיט לייב און לעבן זיך אָפּהיטן די אויגן און געדאַנקען, פאַלן דורך טיילווייז אָדער אינגאַנצן. עס זענען דאָ עטליכע סיבות דערצו:

**ערשטנס,** מ'האָט נישט גענוג שטאַרקייט בייצוקומען די נסיונות.

**צווייטנס,** מ'האָט נישט דעם צוגאַנג ווי אַזוי זיך צו פירן.

**דריטנס,** נסיונות וועלכע מ'קען גרינג אויסמיידן פאַרנאַכלעסיגט מען.

**פערטנס,** חיזוק, אויב מ'איז דורכגעפאַלן, זיך נאָכאַמאָל אויפצוהייבן און ווייטער גיין, נישט נאָכצולאָזן.

**מיר וועלן פּראָבירן בעזה"י אין די ווייטערדיגע שורות אַרויסהעלפן די וועלכע ווילן באמת זיך פירן ערליך בקדושה.** דאָס סאַמע ערשטע דאַרף מען געדענקען אַז דאָס איז אַ שטענדיגער קאַמף, נישט קיין חילוק, יונג אָדער אַלט, ביזן לעצטן אָטעם-צוג מוז מען שטיין קאַמפּס-גרייט מיטן יצר הרע.

**דער** עיקר וואָפן איז תורה מיט מוסר והדרכה. דער הייליגער רמב"ם מיטן הייליגן שולחן ערוך זענען אונז מדריך ווי אַזוי זיך צו פירן צו דערגרייכן בעזה"י דעם ריכטיגן ציל. זיי ברענגען אַרויס דריי שטאַרקע יסודות וועלכע אַנטהאַלטן אַלעס:

**א.** זיך דערווייטערן פון האָבן אַ שייכות מיט פרעמדע פרויען מיט אַלע ענינים. מיר ברענגען דאָס אַרויס ווייטער (אונטערן קעפּל "זיך דערווייטערן פון נסיונות").

**ב.** לערנען די ענינים וועלכע זענען מעורר און וועקן און זענען מחזק דאָס האַרץ און די געפילן צו וועלן אָנהאַלטן די ערליכקייט פאַר יעדן פּרייז. אויף דעם צוועק איז געמאַכט געוואָרן דער דאזיגער קונטרס.

**ג.** אַריינלייגן דעם קאָפּ אין תורה אַז אַנדערע געדאַנקען זאָלן דאָרט נישט האָבן קיין פּלאַץ.

**ב)** דער שליסל צו תורה ומצוות איז טהרה, און דער שליסל צו טהרה איז דאָס דערווייטערן זיך און זיין אָפּגעזונדערט פון אַלע נסיונות, ווי דער לשון איז אין שולחן ערוך (אה"ע סימן כ"א) "אַ מענטש דאַרף זיך זייער דערווייטערן פון פרויען". אין דעם ליגט זייער אַ סאַך. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך נישט מעגליך אַראָפּצוברענגען אַלע ביישפּילן, פונדעסטוועגן ווערן מיר אַראָפּברענגען וואָס עס ווערט דערמאנט אין שולחן ערוך, און די אַלגעמיינע אַקטועלע ביישפּילן טאָג טעגליך ווי אַזוי מען קען מיט קלייניקייטן זוכה זיין צו ביידע וועלטן.

**דער** הייליגער לובלינער זי"ע האָט זוכה געווען צו ליכטיגע אויגן און האָט געקענט זען פון איין עק וועלט צום אַנדערן, ווייל זיין מוטער האָט אַכטונג געגעבן אַז ער זאָל נישט זען קיין טמא'נע זאַכן, וואָס מ'טאָר נישט עפ"י שולחן ערוך (אה"ע סימן כ"א).

**ג)** מ'טאָר נישט קוקן אויף קיין פרויען, און אַוודאי נישט ווינקען, שמייכלען אָדער רעדן פריינטליך צו זיי. וואָס עס פעלט נישט אויס טאָר מען בכלל נישט רעדן. ווען מ'דאַרף יאָ טאָר מען נישט רעדן איבעריג, נאָר צום ענין און מיט די פולע ערנסטקייט, און אויך נישט קוקן אויף איר.[27]

**ד)** אַפילו קוקן אויף אַ קליינעם פינגער פון אַ פרוי בכוונה הנאה צו האָבן איז אַ גרויסע עבירה, און עס איז פאַרעכנט אין הימל ווי ער וואָלט געזען די ערגסטע זאַכן, און אפילו ווען ער זאָל זיין גרויס ווי משה רבינו ע"ה וועט ער אויך געשטראָפט ווערן.

**ה)** מ'טאָר אויך נישט קוקן אויף איר האָר, שמעקן איר פּערפיום, קוקן אויף אירע קליידער, צירונג, אפילו אויב זי איז נישט אָנגעטוהן

[27] עיין תוכחת חיים למהרח"פ פ' ואתחנן ד"ה לא תעשה.

דערמיט, אויב מ׳קען איר.[28] מ׳טאָר זיך נישט לאָזן באַדינענ מיט אַ פרוי, זי זאָל אים דערלאַנגען קאַווע צו טרינקען אָדער עסן.[29]

**אויב** מ׳איז אויף אַ פלאַץ וואו אַ פרוי אָדער מיידל דערלאַנגט עסן אָדער טרינקען צום טיש, זאָל מען מיט שכל אַוועקקוקן דעמאָלס אָדער פאַרמאַכן די אויגן.[30]

**ו)** גייענדיג אויף די גאַס, אויב אַ פרוי גייט פאַר אים, זאָל ער לויפן ביז זי איז שוין הינטער אים.[31]

**ז)** אויב מ׳קוקט ביי אַ פרוי אויף איינעם פון די פלעצער וועלכע דאַרפן זיין צוגעדעקט עפ״י דרכי הצניעות, ווערט מען געשטראָפט ל״ע מיט אומגעלונגענע קינדער[32]. פיס וועלכע ווערן דורכגעזען צוליב דורכזיכטיגע שטרימף איז אויך אין כלל.

**ח)** דער המון עם רעדט זיך איין אַז דער איסור פון קוקן אויף פרויען איז אַ מדת חסידות, חלילה חלילה צו הערן זייערע ווערטער.[33]

**ט)** מ׳טאָר נישט הערן פרויען אָדער מיידלעך העכער 12 יאָר זינגען[34].

**י)** מ׳טאָר נישט קושן אַ גרויסע שוועסטער אָדער אַ מומע, נאָר אַ טאַטע די טאָכטער און אַ מאַמע איר זוהן.[35]

**יא)** מ׳טאָר אויך נישט געבן די האַנט ״שלום עליכם״ פאַר אַ מומע, כל שכן אַ ווייטערע קרובה.

**יב)** אַ מענטש דאַרף זיין אָפּגעהאַלטן פון יעדן סאָרט שריט וואָס

---

[28] עבודת הקודש להחיד״א צפ״ש אות פ״ג.

[29] עיין אה״ע סימן כ״א ס״ה, ומ״ש בערוה״ש ללמד זכות עיין עזר מקודש דמ״מ יש להחמיר ולכ״ע נכלל בכלל דצריך להתרחק מהנשים מאוד מאוד.

[30] עזר מקודש שם.

[31] אה״ע שם.

[32] נדרים כ. ור״ן שם.

[33] דרך פקודיך, ל״ת ל״ה.

[34] שם ואו״ח ע״ה ובה״ל.

[35] אה״ע סימן כ״א.

האָט שייכות צו אַ פרוי אויב ער שפירט אַ הנאה דערפון, אַפילו בלויז רעדן אויף אַ טעלעפאָן, אָדער זאָגען אַ גוטען טאָג, אָדער לאָזען זיך אויסדינען אין געשעפט דורך איר.[36]

**יג)** זאָגן פאַר אַ פרעמדע ״גוט מאָרגן״, ״אַ גוטן טאָג״ איז אַ היתר נאָר אויב עס איז נישט אויף אַ וועג פון נאנטקייט אָדער פריינטליכקייט, צום ביישפיל מ׳הייבט אויף אַ טעלעפאָן. אַ לענגערע סאָרט באַגריסונג טאָר מען קיינמאָל נישט.

**יד)** ווען איינער האָט פאַר זיך צוויי וועגן ווי אַזוי צו גיין און עס איז אַ קליינער חילוק וועלכן וועג ער נוצט, אויב ער נוצט דעם וועג וואו עס איז דאָ פריצות, אפילו אויב ער היט זיך די אויגן און זעט גאָרנישט הייסט ער אַ רשע, ווייל ער גייט אויף אַ וועג וואו עס זענען דאָ נסיונות און אַ מענטש טאָר אין אַזאַ פלאַץ נישט גיין אויב ער האָט אַ ברירה.[37]

**טו)** דאָס איז אויך געזאָגט ביי אַנדערע זאַכן, אויב מ׳קען איינקויפן אין אַ געשעפט וואו עס איז נישטאָ קיין פריצות טאָר מען נישט וואו עס איז יאָ דאָ פריצות. אויב מ׳קען פאָרן מיטן קאַר דורך אַ וועג אָן פריצות טאָר מען נישט וואו עס איז דאָ פריצות.

**טז)** עס איז אַן איסור צו קוקן אויף בילדער (פיקטשערס) פון פרויען (עיון יעקב תענית ו׳. טהר״י שע״ט או׳ ל״ד, ס׳ מחזה עינים), און אַוודאי נישט אין אַ שפיגל וועלכע שפיגלט אָפּ פרויען.

**יז)** ווען מ׳גייט אויף די גאַס קוקט מען אַראָפּ כדי נישט נכשל צו ווערן און זען וואָס מ׳טאָר נישט.[38]

**יח)** אפילו ווען מ׳קוקט אַראָפּ, אויב מען באַמערקט דעמאָלס פריצות,

---

[36] כלבו סו״ס ס״ו, שיו״ב סי׳ כ״א. ועי׳ ח״א כלל ד׳ ס״ה, חינוך קפ״ת.

[37] ב״ב נז: רשב״ם מהרש״א מכות כ״ד.

[38] עיין אה״ע סימן כ״א ס״א וב״ש שם, רמב״ם הלכות דעות פ״ה ה״ט, וכ״ש בזה״ז שהשווקים ורחובות מלאים פריצות - עיין מהרש״א מכות כ״ד.

אויפגעדעקטע פיס אָדער דורכזיכטיגע שטרימפּ, דאַרף מען אַוועקדרייען די אויגן (עיין מהרש״א מכות כד:), און כל שכן מען זאָל נישט קוקן דירעקט הנאה צו האָבן.[39]

**יט)** ווען מ׳גייט אויף די גאַס, אויב עס דאַכט זיך אים אַז דורך קוקן דאָ אָדער דאָרט וועט ער געפינען עפּעס וואָס איז פאַר אים וויכטיג, אָבער קוקנדיג פאַלן זיינע בליקן אומווילנדיג אויף זאַכן וואָס מ׳טאָר נישט זען. זאָל ער זיך שטאַרקן אין בטחון אַז אויב מען וועט וועלן פון הימל וועט ער אָנקומען דערצו סיי ווי, און אויב נישט נישט, און אויך זאָל ער גלייבן אַז השי״ת העלפט נאָך שנעלער פאַר די וועלכע קוקן אַראָפּ, מיט אַלעם וואָס זיי דאַרפן.[40]

**כ)** מ׳דאַרף אויך וויסן אַז ווען עס כאַפּט אָן פּלוצלונג אַ גרויסער חשק צו קוקן ערגעץ איז דאָס פון יצר הרע, וועלכער טוט דאָס ווייל דאָרט געפינט זיך יעצט אַ פּרוי אָדער אַ חצופה.[41]

**כא)** עס איז דאָ ווער עס וויל אויפטוהן אַז אַ בליק אויף אַ פּרוי מעג מען. דאָס איז נישט ריכטיג, אַלץ איז אסור.[42]

**כב)** די וועלכע קוקן אויף פרויען בשעת אַ לויה אָדער ביי זייער צוריקגיין, איז דאָס גורם נסתלק צו ווערן פאַר די צייט. דער וואָס געט אַכטונג איז מאריך ימים[43].

**כג)** אַמאָל אפילו דורך איינמאָל זיך אָפּהאַלטן פון קוקן קען מען זוכה זיין צו אַ גרויסע מדריגה אין קדושה[44].

---

[39] כמבואר באה״ע סימן כ״א ס״א.

[40] שומר אמונים ח״א, מאמר בטחון פ״ו.

[41] טהרת הקודש, מאמר שמירת הברית פ״ב.

[42] חידי״א בפתח עינים עבודה זרה כ: ואפילו למ״ב סימן ע״ה סק״ז אין היתר רק: בלא נהנה, ומקום שאין דרכה להיות מכוסה, ולא יבא לו הרהור עי״ז, ולאדם חשוב אסור, ומצד המוסר כל אחד יזהר. וגם לדי המתירין מ״מ עיניו לא ישבעו מזיו השכינה כמי שעיניו נקיים מכל, כמבואר היטב בכל הספרים.

[43] זוה״ק ח״ב קצו:

[44] טהרת הקודש מאמר שמירת עינים פ״ה.

**כד)** ווען מ׳גייט אויף די גאַס דאַרף מען שטענדיג איבערחזר׳ן די הייליגע ווערטער פון ספר חסידים (סימן ט׳) און פון חפץ חיים זצ״ל, ״אַז דער וועלכער קוקט נישט אויף פרויען, בפרט ווען אַנדערע מענטשן דאַרטן קוקן יאָ, וועט זוכה זיין צו דעם פיל גוטס וואָס איז אָנגעגרייט פאַר די צדיקים און זיינע אויגן וועלן געניסן פון דעם שיין פון דער שכינה. דער עיקר ציל פון דער וועלט איז צו זאַמלען פאַר יענע וועלט. דער עיקר הנאה אויף יענע וועלט זענען די רוחניות׳דיגע אויגן וועלכע זעהן די שיין פון די שכינה, ווי מער הייליג די אויגען אַלס שטאַרקער און בעסער זעהט מען דעם שיין און אַלס שטאַרקער איז דער אומענדליכער תענוג, דער וואס איז פוגם די אויגן אויף דער וועלט ווערן נפגם די אויגן פון דער נשמה.

**כה)** ערליכע אידן חזר׳ן איין ביז זיי געדענקען גוט דעם דערמאָנטען לשון פון ספר חסידים, און ווען זיי גייען אויף די גאַס זאָגן זיי עס פאַר זיך כדי זיך מעורר צו זיין נישט צו דערלייגן וואָס מ׳קען צוקומען דערצו.[45]

**כו)** מ׳טאָר אויך נישט פאַרגעסן אַז ביים קוקן, אפילו בלויז אויף אַ קליין פינגער דירעקט, ווען מ׳האָט הנאה איז פונקט ווי קוקן אויף די ערגסטע פלעצער[46].

**כז)** אַ מענטש זאָל נישט נעמען אַ מלמד פאַר אידישע קינדער דעם וואָס קיקט אויף פרויען אָדער רעדט צו פרויען איבריגע רייד. (ס״ח תת״ר)

**כח)** אַ חתן טאָר נישט זעהן די כלה ביז די חתונה.

❀ ❀ ❀

---

[45] לשון הס״ח בפנים כזה: מי שאינו רואה פני נשים בפרט בין אנשים אחרים שהכל מסתכלין והוא אינו מסתכל יזכה לרב טוב הצפון לצדיקים ועיניו תשבע מזיו השכינה.

[46] אה״ע סימן כ״א ס״א, מ״ב סימן ע״ה סק״ז.

## נישט זיך אונטערגעבן צוליב בושה

**א)** דער מסלת ישרים שרייבט: מען זעהט אַ סך מאָל אפילו נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט שוין אַנערקענט דעם אמת׳דיגן ריכטיגען צוועק פון לעבן און די וויכטיגקייט פון בלויז דינען דעם באַשעפער און געוואָרענט זיין אין זיינע מצות, וועט ער זיך נאָכלאָזען אָדער עובר זיין טייל זאַכען דערפּין כדי אַז די חברים זאָלען נישט חוזק מאַכען פון אים, אָדער כדי ער זאָל קענען זיין אינאיינעם מיט זיי, וויסען זאָלסטו אויב אַ מענטש וועט דיר זאָגען עס שטייט דאָך אין די גמרא (כתובות יז) אַז אַ מענטש זאָל זיין פאַראייניגט מיט אַנדערע מענטשען! זאָלסטו אים ענטפערן דאָס איז געזאָגט געוואָרען ביי די וואָס פירען זיך ווי מענטשען, אָבער נישט ביי די וואָס פירען זיך ווי בהמות. אַ מענטש האָט נישט מער ווי זיך צו רייניגען און זיך אָפּהאַלטען מיט זיינע פיסטריט פון די וועגן פון המון עם וואָס זענען פאַרזינקען אין הבלים, און זיך צו קערן צו השי״ת׳ס וואוינונג ערטער (שול, בית מדרש) און אויב איינער וועט לאַכען פון אים זאָל ער זיך נישט וויסענדיג מאַכען, נאָר אדרבה אָפּלאַכען פון זיי, און טראַכטען אַז אויב אים וואָלט אויסגעקומען צו פאַרדינען אַ סך געלט וואָלט ער עס דען איבערגעלאָזט צוליב דעם וואָס אַנדערע לאַכען? כ״ש אַז די נשמה זאָל ער נישט ווען פאַרלירען וועגגעשפּעט, ע״כ (ע״ש סוף פרק ה׳ - וינעם לך).

**ב)** און אַזוי שרייבט אויך דער שבט מוסר (פי״א) אויב עס איז דאָ אַ ת״ח וואָס די ליצנים פון דור זענען אים מבזה, זאָל ער זיך נישט מאַכען צו טוהן פון דעם, פאַרשטעלנדיג פאַר די אויגען אַז דאָס איז אַלס נאָר אויף דער וועלט, דערנאָך וועט ער דערהויבען ווערען צו געוועלטיגען אויף 310 וועלטן (סוף עוקצין) און צענדליגער טויזנטער מלאכים שטייען גרייט אים צו באַדינען, מיט׳ן קרוין פון תורה און מעשים טובים אויף זיין קאָפּ, און די שכינה רוהט אויף אים, און זיין

פנים לייכט פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען, און די ליצנים וועלען פאַרשעמט ווערן, ע"כ.

**ג)** נאָך שטייט ווייטער: אויב די עמי הארץ זענען נישט געהעריג נוהג כבוד פאַר ת"ח, נאָר פאַרקערט, דאַמאָלטס זאָל דער ת"ח נישט חנפנ'ן זיי צו געבן כבוד ווייל מיט דעם שטיצט ער די וואָס טוען עבירות נאָר ער זאָל זיין באַטראַכטען ווי בהמות, און פּינקט ווי ער וואָלט געווען אין אַ שטאָט אַרומגענומען מיט פערד וואָס דאָרט שעמט מען זיך נישט.

❁ ❁ ❁

## די פליכט פון עלטערן און מלמדים

**א)** אויב עלטערן אָדער מלמדים טוהן נישט גענוג וועגן זייערע קינדער (תלמידים) זיי זאָלן זיין אָפּגעהיט פון געשטויכעלט ווערן אין עניני קדושה קען די שטראָף זייער ערנסט זיין.

**אליהו** הנביא האָט דערציילט: איך בין אַמאָל געווען אין בבל אין אַ גרויסע שטאָט ווי עס האָבען געוואוינט בלויז אידען, איך האָב געטראָפען אַ מלמד און 200 בחורים אין עלטער פון 18-20 זענען געזעסן פאַר אים. אַ יאָר שפּעטער בין איך דאָרט געווען און נישט געטראָפען די אַלע תלמידים און אויך נישט דעם רבי'ן נאָר אַ אור-איינִיקעל, האָב איך אויסגעבראָכען אין אַ גרויס געוויין ביז אַ מלאך פון הימעל איז אַראָפּגעקומען און מיר מגלה געווען אַז זיי האָבען געטוהן מיאוסע זאַכען עבירות פון דור המבול וואָס פאַסירט דורך אָנרירען ווי מען טאָר נישט דורכדעם זענען די אַלע בחורים אויסגעשטאָרבען, און דער רבי ווייל ער האָט זיי נישט געמוסר'ט אויף די זאַכען איז ער און זיין פרוי און קינד און איינִיקעל געשטאָרבען רח"ל. (תנא דבי אליהו רבה פי"ח).

**ב)** דאָס וואָס די חז"ל זאָגען אַז מלמדים וועלען לעתיד שיינען ווי די ליכטיקייט פון די שטערן איז נאָר געזאָגט פאַר די וועלכע זענען

מדריך די קינדער אויפן ריכטיגען וועג אין צוגאָב צום לערנען (ב"ב ח: ברש"י).

**די** חז"ל זאָגען לא המדרש עיקר אלא המעשה, זאָגט דער הייליגער של"ה אַז דאָס מיינט צו זאָגען נישט דאָס לערנען איז דער עיקר נאָר די הדרכה אַריינצוברענגען יראת שמים און אמונה מורא האָבען צו טוהן עבירות און וועלן טוהן מצות. (קיצור של"ה מס' שבועות).

**ג)** דער מלמד דאַרף לערנען און וואָרענען שיין און איידל די קינדער זיי זאָלען היטען די אויגען, נישט קיקען אויף פרויען אַפילו אויף נאָנטע משפחה, און פאַרשטיין געבן די קינדער אַז ביי די אויגען הייבט זיך אָן די קדושה. (הנהגות מלמדים להגה"ק מהר"י ט"ב מסאטמער זצלה"ה או' ט'). און אַז מ'טאָר נישט צורירען געוויסע פלעצער ווי מוקצה (שם).

**ד)** דאָס וואָס שטייט אַז די וועלט שטייט אויף די תורה און דאַוונען פון קליינע קינדער מיינט מען די קינדער וועלכע האָבען נישט געזינדיגט אָפּגעהיטענע הענט און מויל, דערפאַר דאַרף דער מלמד אַריינפרעגן קודם די אמונה בד' נאָכדעם קדושת יסוד (אגרות שומרי אמונים אגרת י"ב).

## וויכטיגע זאַכען אַכטונג צו געבן, צו האַלטען זיך ערליך

**א)** מ'טאָר נישט אָנרירען דעם ברית קודש קיינמאָל נישט (עי' או"ח סי' ג' גר"ז, מ"ב, ערוה"ש, ואה"ע כ"ג ס"ד ונתבאר במקו"א דלפי הסדר בתי כסאות שבזה"ז לא שייך כלל שום היתר), און אויך נישט קיקען דערויף (סנהדרין צב. זוה"ק קדושים דף פ"ד, חכ"א כלל קכ"ז ס"ט, סדה"י, ס' חרדים ל"ת מד"ס התלויות בעין).

**ב)** מ'דאַרף אויך מחנך זיין די קינדער אויף דעם, דורכדעם וועלן זיי אויפוואַקסען הייליג. דער פאַקט האָט געוויזען אַז עס איז אויך אַ

גרויסע הילף נישט נכשל צו ווערן מיט ערגער׳ס (עי׳ סי׳ שמ״ג ואחרונים שם).

**ג)** אויב ח״ו מ׳רירט אָן קען מען צוקימען צו די גרעסטע מכשולות, די שטראָף אויף דעם איז אַז די קינדער שטאַרבען קליינערהייט, אָדער ווערן זיי זיין רשעים און ער וועט ווערן פאַראָרעמט (קש״ע קנ״א).

**ד)** אפילו דעם קערפּכער אונטערן נאָפּעל (טבור) זאָל מען אויך נישט אָנרירען אויסער ווען מ׳מוז. (אה״ע סי׳ כ״ג סעי׳ ד׳ הלכה מפורשת, ומקורו נדה יג: וברמב״ם, וכ״כ לדינא בבהגר״א סקי״א ברכ״י שם סק״ב, טהרת ישראל ר״מ אר׳ כ״ז, דע״ת או״ח סי׳ ג׳ בשם הירושלמי).

**ה)** מ׳טאָר נישט שלאָפען אָדער בלויז ליגען (אָהנע שלאָפען) אויפ׳ן רוקען אָדער אויפ׳ן בויך (עי׳ שו״ע הרב סי׳ ס״ג סעי׳ א׳. אפי זוטרי אה״ע סי׳ כ״ג סק״ז. מאירי נדה יד. אשכול ה׳ מנחה).

**ו)** מ׳דאַרף אויך מחנך זיין די יונגלעך צו דעם כאָטש פון אַכט יאָר און העכער, (חובת חינוך בזה בס׳ מקור מים חיים בהקדמה, ושיעור החינוך כיון דמטעם חימום שזה לפני בן ט׳ כדקי״ל לענין קר״ש לקטנים דגם כאן אין האב מצוי אצלו כשהולך לישן, וע״כ השיעור שנה לפנ״ז).

**ז)** דער ראשית חכמה שרייבט אַז היינטיגען דור דאַרף מען דערווייטערן די קינדער און אָפּהיטען זיי פון יעדע זאַך וואָס קען ברענגען הרהורי עבירה (מקור מים חיים בהקדמה), דעריבער די עלטערן וועלכע טראָגען קינדער אין מקוה זאָלען זיי דאָס טוהן נאָר ווען זיי קענען שוין אויסלערנען די קינדער נישט צי קיקען ווי מ׳טאָר נישט, ד.מ. אויסטוהן זיך מיטן פנים צו דער וואַנט טובל׳ן זיך און אַרויס, ווייל אויב נישט ווערט דאָס קינד אויפגעוואַקסן צו קיקען אין אַלע זייטען און ווי שפּעטער שאַדט עס מער, (עי׳ היטב טהרת הקודש, ר״ח פרק צ״א, בית אהרן בסדה״י להרה״ק מהר״א מקארלין זצ״ל).

**ח)** אין די ספרים ווערט געברענגט אַז דער וואָס געט נישט אַכטונג אויף די הענט נישט אָנצורירען ווי מ׳טאָר נישט שפּעטערדיגע יאָרען ליידט מען אַ סך אויף די הענט, זיי נעמען זיך ציטערן ל״ע אָדער שטאַרקע ווייטיג לויט וויפיל מ׳האָט געזינדיקט (מרפא חיים או׳ ק׳).

❁ ❁ ❁

## נסיונות ביים טאָג טעגליכן לעבן - און די עצות

**א)** די נסיונות הדור זענען פאַרשידענערליי און יעדער נסיון האָט זיך זיין לעזונג אייגנאַרטיג.

**פאַראַן** נסיונות וואָס מ׳לעבט דערין געצוואונגענערהייט, ווי צום ביישפּיל גיין אויף די גאַסן, פאָרן אונטערוועגס צו שמחות אָדער פאַר פּרנסה.

**פאַראַן** אויך נסיונות וואָס מ׳קען אויסמיידן טיילווייז אָדער אינגאַנצן, ווי פאָרן אויף עראָפּלאַנען, איינקויפן אין געוויסע געשעפטן וועלכע זענען שטאַרק פּריצות׳דיג. אַרייננעמען אין שטוב לייען מאַטעריאַל וואָס טויג נישט, גיין אויף גאַסען וועלכע זענען רוישיג, אַרבעטן מיט גוי׳טעס, אָדער סתם פּרויען.

**די** חז״ל אין ש״ס ופוסקים לערנען אונז ווי אַזוי זיך צו פירן ביי די זאַכן, און ווער עס פירט זיך לויט זייערע אָנווייזונגען, אויב ער ווערט נכשל ח״ו הייסט ער אַ שוגג אָדער אונס. אויב טוט ער נישט כהלכה הייסט ער אַ פּושע, און טיילמאָל אַ רשע, אַפילו אויב ער איז נישט נכשל געוואָרן ווי אויבן דערמאנט.

**ב) אַ דירה צום וואוינען:** דאַרף יעדער האָבן, אָבער פון די סאַמע ערשטע זאַכן וועלכע מ׳דאַרף נעמען אין חשבון איידער מ׳באַשליסט וואו צו נעמען אַ דירה דאַרף זיין די אומשטענדן אַרום, די שכנים אין הויז, די שכנים אויף די גאַס.

**פאַראַן** הייזער וועלכע זענען באַוואוינט מיט גוים, נידריגע ברואים און זייער אויפפירונג אין די קאָרידאָרן איז זייער שעדליך פאַר קינדער וועלכע גייען און קומען, און אפילו פאַר ערוואַקסענע איז עס זייער שעדליך פאַר די אויגען און די נשמה. מיר ווייסן פאַקטן אָן אַ שיעור פון קינדער וועלכע זענען אויפגעוואַקסן אין וואוילע היימישע שטיבער, נאָר צוליב אַזעלכע שכנים זענען זיי געוואָרן זייער מאָדערן און זייער קאַלט צו אידישקייט, תורה און מצוות. זיי האָבן אַליין עדות געזאָגט אַז דאָס האָט זיי געשאַדט. טייל זענען געוואָרן אינגאַנצן אָפּגעפאָרן און מיטגעשלעפּט זייערע חברים.

**ג)** אַ דירה פאַר דעם זוהן אָדער טאָכטער: עלטערן טאָרן נישט פאַרגעסן אַז אַ יונג קינד נאָך די חתונה האָט נאָך אַלץ אַ יצר הרע און קען זייער גרינג אָפּגעקילט ווערן פון תורה ויראת שמים אויב מ׳געט נישט אַכטונג. מ׳פּלאָגט זיך אַזוי פיל אַלע יאָרן אויפצוהאָדעווען אַ דור ישרים, עס קאָסט געלט אָן אַ שיעור, כח און געזונט, שלאָפלאָזע נעכט און אַ סאַך צייט ביז בעזה״י מ׳טראָגט אים צו די חופה מיטן געלונגענעם ערליכן זיווג בשעה טובה ומוצלחת. אָבער מ׳איז נישט פאַרטיג. ליידער זענען יונגעלייט אָפּגעפאָרן נאָך די חתונה דורך שלעכטע חברים, שלעכטע שכנים. עס קאָסט אייך אָפּ אַזוי פיל, זייט נישט קאַרג, יעצט, ווען איר האַלט שוין ביים לעצטן שריט בעזה״י און נעמט אַ דירה מיט גוטע שכנים, נישט גוי׳שע, נישט פרייע און נישט ליידיגע יונגען ח״ו, און נאָר אין אַ גוטע געגענט.

**ד)** פרנסה: ווען איר קלויבט זיך אַ פרנסה, טוט עס מיט ישוב הדעת. אַ איד לעבט מיט בטחון. דער חובת הלבבות (שער הבטחון) שרייבט, אַ איד מוז שטענדיג געדענקען אַז נישט זיין פלאָג און מיה ברענגט אים פרנסה, נאָר עס קומט פון הימל. אַ מענטש טוט השתדלות און דער בורא כל עולמים געט אים פרנסה. אין אַזאַ צייט זאָל מען זוכן אַ באַשעפטיגונג נישט צו האָבן שייכות מיט פרויען אָדער מיידלעך, נישט גוי׳שע און נישט אידישע, ווייל עס איז נישט

מעגליך צו קענען אַדורכגיין אָן הסתכלות מיט הרהורים, און אפילו ווען עס קומען ערנסטע זמנים ווי ראש השנה, יום כיפור, הושענא רבה און מ׳גיסט זיך אויס דאָס האַרץ איבער אַלעם וואָס מ׳האָט זיך אָנגעזען דורכן יאָר, איז אָבער זייער זייער ביטער שווער דאָס תשובה טוען ווען עס קומט צו פאַסן אַ החלטה - רבונו של עולם, גענוג געווען, מער וויל איך די זאַכן נישט עובר זיין ! ווי קען מען תשובה טוהן, ווען מ׳ווייסט אַז מאָרגען איין טאָג נאָך יום כיפור גייט מען צוריק אין זעלבען אַרבעטס-פלאַץ מיט די זעלבע נסיונות און אַלעס וועט זיין אַזוי ווי פריער.

**די** ספרים שרייבן אין הלכות תשובה אַז צו קענען תשובה טוהן מוז מען זיך דערווייטערן פון די פלעצער און סיבות וועלכע האָבן גורם געווען די עבירה. מ׳זאָל אַוועק פון די נסיונות. ווי אַזוי קען מען אַנטלויפן פון די פרנסה, און דאָס האַרץ ווייסט נאָך אַמבעסטן אַז אָן דעם איז אַלעס ביים אַלטן.

**מיר** האָבן הונדערטער הונדערטער לעבעדיגע עדות, יונגעלייט טשאַטשקעלעך, טייערע, זיידענע, איידעלע יונגעלייט, אָפגעהיטענע אין יעדן פרט, די אויגן, דאָס מויל, אמת׳דיג תורה׳דיג אָנגעזאַפט מיט גאַנצע מסכתות און הלכות שבת מיט ספרי חסידות, וואַרימע הערצער, ריינע קעפ דורכגעווייקט מיט יראת שמים ויראת חטא, דאַווענען מיט אַ ברען, וועלכע זענען אַריין אין דער אַרבעט בשכנות מיט גוים, פרויען, און ביז אַ קורצע צייט זענען זיי נישט געווען צו דערקענען, אַוועק מיטן איידלקייט, אַוועק מיטן יראת שמים, אַ געכאַפטן דאַווענען, שמועסן ביים דאַווענען און לייענען, אָפענע אויגן אויף די גאַס, נישט אָפגעהיטענעם דיבור, און אַזוי ווייטער.

**אין** מערסטנטייל איז דאָס דורך די געזעלשאַפט ביי דער אַרבעט, גייענדיג צו די אַרבעט, פון דער אַרבעט, וויבאַלד מען לאָזט נאָך

אין קדושה פאַלט מען שוין. די גאַסן וועלכע מ׳מוז אַדורכגיין אָנצוקומען צו דער אַרבעט זענען גענוג פאַר זיך צו פאַרשמירן די נשמה, קומט נאָך צו די אַרבעט אַליין.

**אמת** אַז נישט יעדער האָט די זכיה צו בלייבן אין בית המדרש וואָס דאָס איז דאָס בעסטע, אָבער אויב מען מוז שוין גיין אַרבעטן, זאָל מען זוכן אַ פלאַץ וואו די אַטמאָספערע איז ערליך און אָפּגעהיטן, אָדער כאָטש מיט אַ גרופּע ערליכע יונגעלייט צוזאַמען, כדי זיך צו קענען שטענדיג מחזק זיין. זעלבסטפארשטענדליך אז ווילאַנג מ׳קען זיצן אין כולל על התורה ועל העבודה איז אַ געוואַלדיגער ריוח, אַפילו איין איינציגער טאָג שפּעטער אַרויס אויף די גאַס מיינט אַ טאָג ווייניגער אָנגעזאַפּט די אויגן מיט פּריצות איז ווערט אָן אַ שיעור ערך.

**ה)** פרנסה ביי די קינדער: דער נוסח פון טייל עלטערן לגבי די קינדער איז: ״ער האָט שוין חתונה געהאַט, ער ווייסט אַליין וואָס ער דאַרף טוהן״. ער איז שוין נישט קיין קינד וואָס דאַרף דעם טאַטן ביי די האַנט. דאָס איז נישט ריכטיג, ווייל די ערפאַרונג (עקספּיריענס) איז דער עיקר, אין חכם כבעל נסיון. דער פרישער יונגערמאַן ווייסט נאָכנישט וואָס עס מיינט אַ וועלט, ובפרט די היינטיגע וועלט. די באַקוועמליכקייט פון טאַטן צו לאָזן די קינדער זיך אַליין קלויבן און זוכן פרנסה קען צומאָל ח״ו צוריקשמייסן די עלטערן אין פּנים, ווען זיי זעען אַז עס טויג נישט דאָרט דער זוהן איז ליידער געפאַלען שווידערליך, און דאָ האַנדעלט זיך נישט פון אַ יונג קינד וועלכעס מ׳קען גרינג צוריקדרייען בדרך כלל איז זייער שווער דאָס צוריק מתקן זיין צום אַלטען.

**מיר** זאָגן נישט אַז יעדער טאַטע האָט אַ וואָרט ביי אַ חתונה-געהאַט קינד. אַ טאַטע וועלכער האָט שוין נישט געהאַט קיין וואָרט ווען דער זוהן איז געווען אַ בחור, קען אַוודאי נישט האָבן אַ וואָרט שפּעטער. אָבער די וועלכע זענען בכח צו העלפן און מדריך זיין, זענען

מחויב דאָס צו טוהן. אַזוי אויך אַ קינד וואָס קען זיך נישט דורכשמועסן מיט די עלטערן זאָל עס טוען דורך אַנדערע ערליכע אידן. עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן אַז ווען אַ יונגל ווערט בר מצוה איז דער טאַטע שוין דאַמאָלטס פטור פון חינוך, זיין אחריות אויפן קינד איז נאָר ווייל ער איז בכח מוחה צו זיין אויב ער טוט נישט גוט, און צו ווייזן וואָס עס איז ריכטיג צו טוהן (עיין מ"ב סימן רכ"ה סק"ז), און דאָס בלייבט ביז די הונדערט און צוואָנציג, ווילאַנג דער טאַטע האָט אַ כח אויף זיין זוהן.

**דער** מציאות ווייזט אונז טאָג טעגליך אַז אַ טאַטע וואָס אינטערעסירט זיך אין די קינדער און זוכט זיי אַרויסצוהעלפן בגשמיות אויך, האָט אַ מיינונג אויך ברוחניות, און אַ סאַך יונגעלייט וואָלטן זיך געפרייט צו האָבן זייערע עלטערן ביי דער האַנט זיי מדריך צו זיין אויף ווייטער.

**ו)** אַרומפאָרן: דאָס פאָרן איז אַ פרשה פאַר זיך. די הייליגע ספרים טייטשן דעם פסוק והאיש אשר הוא טהור ובדרך לא היה (במדבר ט' י"ג), אַ מענטש וואָס ער איז ריין אויך אונטערוועגס, אַזאַ מענטש איז נאָך נישט געווען. דאָס געט אונז אַ באַגריף פון די געוואַלדיגע נסיונות וועלכע זענען אַקטועל פאַר רייזענדע.

**פאָרן מיט אַ קאַר דורך גוי'שע געגענטן**, בפרט זומער, איז אַ גרויס פראָבלעם פאַר אַלע וועלכע זענען אין קאַר, פון קליין ביז גרויס. זייער ווייניג קוקן די גאַנצע צייט אין אַ ספר, במילא זעט מען און מ'זאַפט אַריין אין די אויגן די זוהמא פון דער גאַס. ווען מ'טראָגט קליינע קינדער לאָזט דאָס איבער אַ רושם אין זייערע ריינע נשמה'לעך.

**דער** דרייווער (פירער) פון דעם קאַר איז בכח צו זיין אַ מזכה הרבים און פאָרן דורך די בעסטע וועגן וואָס נאָר מעגליך, און די מיטרייזענדע זאָלן יעדנפאַלס אַכטונג געבן נישט אומצוקוקן זיך אויף

דער גאַס, נאָר מעיין זיין אין אַ ספר, מעשה ביכל, דרימלען און אַזוי ווייטער.

**פאָרן מיט אַ באַס, טרעין, עלעוועיטער**: דאָרט קען זיין גרויסע נסיונות, סיי וועגן זיצן (שטיין) נאָנט אָדער וואו מען זעט די פרויען אָדער פריצות'דיגע אַדווערטייזמענטס, כל שכן אויב מ'הערט זאַכן וואָס טויגן נישט. דאָס ערגסטע איז ווען מ'דאַרף זיין צוזאַמענגעדריקט, דאָרט איז שוין דאָ אַ פראָבלעם פון יהרג ואל יעבור. דעריבער זאָל מען עס אויסמיידען אָדער עכ"פ נאָר נוצען באין ברירה און נאָר ווען עס איז דאָ פלאַץ בריווח.

**ביי טרעין (באַן)** איז אויך אַ פראָבלעם דאָס אַרויפגיין און אַראָפּגיין וואו דער פאַרקער איז גרויס מיט שוידערליכע תערובות און פריצות, בפרט זומער. דעריבער, אויב מ'קען עס אויסמיידן, הכל ריווח.

**ז) עראָפּלאַן**: אויסער די אַלע נסיונות פון די אויבן-דערמאנטע פאַר-מיטלען, וועלכע זענען דאָ ביי דעם אויך, קומט נאָך צו די גרויסע געדרענג און לאַנגע שורות אויסגעמישט מענער און פרויען פריצות'דיג געקליידעט ביים לופט-פעלד איידער מ'גייט אַרויף אויפן עראָפּלאַן, ביים אַרויפגיין, ביים אַראָפּגיין, ביים נעמען די פעקלעך, אויך אינמיטען וועג גייענדיג אין עראָפּלאַן אַהין און אַהער ווי די וועגן זענען זייער שמאָל און ביטער שווער אויסמיידען דאָס נישט זעהן אָדער אָנקלאַפּן זיך אין נשים, און בעיקר דער טעאַטער ווידע"אָ וואָס ווערט געוויזן כסדר בשעת'ן פאָרן, און ווער עס וויל היטן די אויגן נישט צו זען מוז זיצן איינגעבויגן, נישט אויפהייבנדיג די אויגן. פאַר קינדער אָדער בחורים איז דאָס ממש אַ סם רח"ל.

**דעריבער** זאָל מען פאַר יעדן פרייז אויסמיידן דאָס פאָרן, אָדער כאָטש פאָרן מיט די בני בית, זי זאָל אים זיין בייהילפיג, און נישט מיטנעמען גרעסערע קינדער און בחורים.

**מיר** ווילען אויך באַמערקען אַז פאַר יעדן פאַלס זאָל מען נישט זיצען

נעבן פרויען וועלכע איז אַ גרויסער מכשול און מ'קען דאָס לייכט אויסמיידען דורך טוישען פלעצער און עקש'נען זיך נישט אַראָפּצוזעצן בשום אופן נעבן אַ פרוי די אַלע וועלכע האָבען אַזוי געטוהן האָבען מצליח געווען קיינעם האָט מען נישט אַרויס געוואָרפען, עס לוינט זיך זיי נישט ווייל מ'מוז אַרויסגעבן זיינע פעקלעך און עס דויערט איבריג שעה'ן, זעלבסטפאַרשטענדליך אַלעס דאַרף געטוהן ווערן מיט איידעלקייט, אַזוי איז עס אַ קידוש השם.

**ח) דאָקטאָר נוירסעס**: ביי דאָקטוירים זענען פאַראַן סעקרעטאַרן און נוירסעס. טיילמאָל רעדט מען זיך איין אַז מ'דאַרף זיין העפליך און פריינטליך ווייל יענע רעדן אויך אַזוי: ח"ו, דאָס איז נאָך אַ סאַך ערגער, מ'דאַרף רעדן ערנסט, נאָר צום ענין, נישט זייטיגע זאַכן, נישט פריינטליך, און נישט קוקנדיג אויף זיי. מ'האָט נאָך קיינעם נישט פאַרשיקט צוליב דעם.

**ט) דאָקטאָר'ס אָדער דענטיסט'ס וואַרט-זאַל**: געוועגליך ליגן דאָרט אַלערליי מאַגאַזינען. שוין אָפּגערעדט אַז מ'טאָר זיך צו זיי נישט צורירן ווייל זיי זענען מטמא בלויז מיטן אָנרירן. עס בלאָזט שוין אַריין אַ יצר הרע צו עפענען און קוקן דערין. מ'דאַרף אויך אַכטונג געבן נישט צו שיקן קינדער אַליין, ווייל עס איז אַ גרויסע אחריות און שווער צו זיין געזיכערט אַז זיי קוקן נישט אין די זאַכן, ווי מען האָט זיך שוין איבערצייגט, אַז אַפילו וואוילע קינדער צוליב נייגעריקייט כאַפּען אַ בליק און דאָס שאַדט זייער שטאַרק. און אויך ווען עלטערן גייען מיט, זאָלן די קינדער מיטנעמען לייען-מאַטעריאַל פון שטוב.

**י) קויפן אין געשעפטן**: די געשעפטן האָבן דעם פראָבלעם וואָס עס דרייען זיך אַ סאַך פרויען און צומאָל איז אויך אַ גרויס געדרענג, און די פאַרקויפערינס זענען אַ סאַך מאָל פרויען. דעריבער איז דאָס בעסטע אויב פרויען און מיידלעך גייען קויפן. דאָס מיינט דרכא אחרינא ווען מ'האָט אַ ברירה צו ניצען פרויען און מיידלעך. ביי די גרויסע געשעפטן (סופערמאַרקעט"ס) איז געוועגליך דאָ פריצות אויך

און אַ סאַך מענטשן, און עס איז זייער שווער אַכטונג צו געבן, בפרט זומער, אַז מ'זאָל נישט געשטרויכלט ווערן מיט זען וואָס מ'טאָר נישט. דאָרט זאָל מען זיך פאַרלייגן מיט אַלע כחות אַז מענער זאָלן נישט אַריינגיין, בעסער זאָל קאָסטן אַביסל מער געלט און צייט ווי איידער פאַרלירן די נשמה. די מענער זאָלען ענדערש טוהן אין שטוב אַלערליי אַרבעט און זאָל די בעל הבית'טע טוהן דאָס איינקויפען.

**יא) קעטעלאָג:** דאָס איז אַ ביכעלע וואָס ווייזט זאַכן וועלכע מ'קען איינקויפן, און געוועינליך זענען דאָרט דאָ פריצות'דיגע בילדער. זאָל מען אַכטונג געבן אַז עס זאָל ח"ו נישט אָנקומען צו די הענט פון קינדער און בחורים, און נאָר די מאַמע זאָל קוקן דערין. אַ סאַך האַלטן זיך אָפּ אינגאַנצן פון אַריינגעמען אין שטוב, ווייל מ'קען נישט באַוואָרענען אַז עס זאָל נישט אָנקומען אין די הענט פון קינדער, און אויב מ'נעמט עס אַמאָל זוכט מען וואָס מ'דאַרף און תיכף נאָכדעם אַרויסוואַרפן.

**ביכער אָדער מאַגאַזינען:** פון דעם רעדט מען דאָך נישט. אין אַזאַ שטוב וואו די זאַכן געפינען זיך, זאָל מען נישט ערוואַרטן אַז פון דאָרטן זאָלן אַרויסקומען ערליכע דורות, נישט יונגלעך, נישט מיידלעך. די ספרים שרייבן אויף דעם אַז "ביכל" איז די ראשי תיבות כ'ל ב'איה ל'א י'שובון, דאָס מיינט אַלע וועלכע לייענען ביכלעך אָדער מאַגאַזינען וועלן נישט צוריקקומען צום ריכטיגן וועג, סיידן זיי וועלן אָבן גאָר אַ גרויסן זכות.

**יב) דאָס קליינע פענסטערל ביי די טיר:** דאָרט וואו מ'גייט אַריין אין דער דירה, וואָס עס איז געמאַכט צו קוקן ווער עס קלאַפּט אויף די טיר, איז אַ שטערונג צו שמירת העינים. דעריבער איז די בעסטע זאַך אויב אַ מיידל גייט צו די טיר. ווען אַ מאַן אָדער בחור גייט, זאָלן זיי פריער פרעגן ווער עס איז, כדי פריער פעסטצושטעלן דורך די שטימע אויב עס איז אַ מאַן אָדער אַ פרוי.

**יג) פאָסט**: היינטיגע צייטן דאַרפן יעדע טאַטע-מאַמע זיין געוואָרנט נישט צו לאָזן די קינדער אַרויסנעמען די פאָסט, ווייל עס קען דאָרט ליגן דאָס ערגסטע לייען-מאַטעריאַל, די נידריגסטע בילדער וועלכע ווערן געשיקט אָן באַשטעלן. עס ליגט דאָרט אויך באַהאַלטן און מאַסקירט מיט שיינע לשון הקודש׳דיגע אותיות און פסוקים מיסיאָנערישע שמד מאַטעריאַל כדי אַריינצוכאַפּן אידישע נשמות ח״ו. די עלטערן דאַרפן דאָס אַוועקוואַרפן איידער עס קומט אַריין אין שטוב. עלטערן וועלכע לאָזן זייערע קינדער עפענען די פאָסט נעמען אויף זיך - גרויסע אחריות, איין-איינציג מאָל קען אויך שעדליך זיין ח״ו.

**יד) זומער-דירה**: זומער זאָל מען זיך אויסקלויבן אַ דירה וואָס זאָל נישט זיין שעדליך פאַר די אויגן פון מענער און קינדער. דאָס מיינט אַ היימישע צניעות׳דיגע סביבה וואו די פרויען גייען אינדרויסן געהעריג בצניעות - לאַנגע קליידער, דיקע שטרימפּ, צניעות׳דיג דעם קאָפּ און דאָס שווים-פּלאַץ זאָל זיין גוט פאַרצוימט, ווייל אויב נישט, קען זיין אַז אַלץ וואָס מ׳האָט זיך אָנגעהאָרעוועט במשך דאָס גאַנצע יאָר זאָל גיין לאיבוד ח״ו. שכנים וועלכע טויגן נישט זענען פאַר פרויען אויך שעדליך, ווייל מען לערנט זיך אָפּ קלות און צניעות און אין רעדן זאַכען וועלכע טויגען נישט. עס האָט שוין איידער אָפּגעקאָסט אַ סאַך קרבנות, שלום בית איז צעשטערט געוואָרן, שטיבער זענען צעבראָכן געוואָרן דורך די שכנים וועלכע האָבן איבערגעדרייט די השקפה און גייסט פון די מאַמע אָדער טאַטע. יעדער נייער פלאַץ וואו מ׳גייט דאַרף מען זיך קודם כל גוט אינפאָרמירן.

**מען** דאַרף אויך זיין געוואָרנט נישט צו שיקן די מענער, און ווי ווייט מעגליך נישט מיטצונעמען די קינדער ווען מ׳גייט אין אַ גרויסן געשעפט איינקויפן, ווייל זומער איז עס פול מיט פריצות רח״ל.

**טו) שווימען**: פרויען טאָרן נישט גיין שווימען נאָר וואו עס איז גוט פאַרצוימט עס זאָל נישט מעגליך זיין אַריינצוקיקען, און זיי זאָלן

נישט טראָגן מיט זיך די קליינע יונגלעך, ווייל עס שאַדט פאַר די נשמה, נאָך דערצו אויב עס בלייבט ביי זיי אין זכרון.

**טז) זומער-חדשים:** וויפיל נסיונות די צוויי חדשים ברענגען איז נישטאָ אַ גאַנץ יאָר צוזאַמען. די שטאָטישע גאַסן זענען פול מיט פריצות (אין די אידישע ישובים איז דאָס פרויען שפּאַצירן מער אין זומער). דערפאַר איז זייער געוואונשן דאָס אַרויסגיין אויסער די שטאָט. פון גרויס וויכטיגקייט איז אָבער אַז ביידע עלטערן זאָלן זיין צוזאַמען אין שטאָט אָדער אויסער די שטאָט. די נסיונות פון קדושה זענען פילפאַכיג גרעסער אויב זיי זענען צוטיילט. דערפאַר דאַרף מען אָנווענדן אַלע מיטלען און מעגליכקייטן צו זיין צוזאַמען. זייער אַ סאַך יונגעלייט זענען קאַליע געוואָרן אָדער אָפּגעקילט זייער אידישקייט אין די זומער חדשים, און זיך דערקייקלט צום נידעריגסטן שטאַפּל רח"ל דורכדעם וואָס ער איז געבליבן אַליין אין שטאָט אָן די אידענע, ה"י.

❁ ❁ ❁

## אָפּהיטען די אויגען

**מעשה ביכלעך:** מ'דאַרף האָבען זייער שטאַרקע אויפזיכט נישט אַריינצולאָזען אין שטיב לייען מאַטעריאַל פאַר די קינדער נאָר 100 פּערצענט פאַרלעסליך ווייל עס זענען פאַרהאַנען אויפן מאַרק אַסאַך ערליי מעשה ביכלעך אַפילו אין אידיש וועלכע האָבען צווישען די שורות דאָ און דאָרט זאַכען וועלכע מ'וואָלט נישט געוואָלט די קינדער זאָלן לייענען.

**דעריבער** איז די אויפגאַבע פון טאַטע-מאַמע נישט אַריינעמען נאָר פון די אַרויסגעבער וועלכע זענען שוין אויסגעפּרואווט און פאַרלעסליך, און האַלטען אַ אויג אויב זיי באָרגען מאַטעריאַל פון חברים וועלכע זענען נישט אין איינקלאַנג מיט וואָס זיי מעגן.

**דערציילן מעשיות:** מלמדים, לערערינס (טיטשערס), עלטערן, סתם אידען, זאָלן זייער אַכט לייגען ווען זיי דערציילען

אַ מעשה אין געגענוואַרט פון קינדער אַז עס זאָל זיין פּאַסענד אויך פאַר קינדער צו הערן, ווייל גאַנץ אָפט טרעפט זיך אַז אומבאַמערקט ברענגט מען אַרויס ווערטער וואָס קינדער טאָרן נישט הערן, בפרט ווען מ׳רעדט אויפ׳ן טעלעפאָן און די קינדער הערן. אַפילו חתונה געהאַטע מענטשן אָדער פרויען טאָרן נישט צווישען זיך דערציילן מעשיות וועלכע ברענגען הרהורים רעים און איז טיילמאָל פאַרבונדן מיט ניבול פה רחמנא ליצלן. (נועם אלימלך פ׳ פנחס)

**געשעפטן, סטאָרס:** די אַלע געשעפטן וואו עס איז דאָ אינעווייניג אָדער אינדרויסן בילדער וועלכע טויגען נישט, פון פריצות א.ד.ג. זאָל מען קיינמאָל נישט אַריינשיקען אַהין קיין יונגלעך אָדער בחורים, אַפילו מיידלעך זאָל מען אויסמיידען פון דאָרט ווי ווייט מעגליך.

**אַזוי** אויך אַלע געשעפטן ווי עס קומען זיך צוזאַם ליידיגע מענטשען אַפילו שומרי תורה לייכטזיניגע און פראָסטע (קלים וריקים) וועלכע לאַכען און פאַרווייל̈ן זיך דאָרט זאָל מען נישט לאָזען אַהין גיין נישט יונגלעך נישט מיידלעך. די פלעצער מאַכען חורבנות און צעברעכן אידישע הייזער. (זעה ווייטער וועגן פּיצאַ-סטאָרס, דאָס זעלבע מיט די). און ווען די מאַמע גייט אַרויס מיט די קינדער זאָל זי דאָרט נישט אַריינטרעטן און אויסמיידען אַפילו דורכגיין די גאַס אויב מעגליך, ווייל מ׳קען אַריינקיקען און זעהן זאַכן וואָס טויג נישט ה״י.

**פּיצאַ סטאָרס:** עס איז ליידער אַ גרויסער אומגליק פאַר׳ן דור פאַר קליין און גרויס אין אַמעריקע און אין ארץ ישראל. מאַמעס און טאַטעס ווײנען און קלאָגען אויף זייערע טייערסטע, די קינדער וועלכע זענען ל״ע אָפּגעפּאָרען נאָר דורך די געשעפטן. די עלטערן האָבען זיי געשיקט (אָדער געלאָזט גיין) אין די פּיצאַ געשעפטען און דאָרטן האָבען זיך צוגעטשעפעט צו די תמימות׳דיגע קינדער וואולגאַרע נידריקע ברואים און געמאַכט אַ חורבן פון זיי. פון צייט צו צייט קומען אַרויס צעטלען מיט ווײ-געשרייען מ׳זאַל למען השם ותורתו זעהן

אָפּצושליסען די געשעפטן ווייל עס פירט אַראָפּ די יונגוואַרג אָבער ליידער איז די פּירצה נאָך אַלס אין פולען שוואונג.

**דערפאַר** אַלע עלטערן ווען דער תכלית פון די קינדער איז זייער הויפט אינטערעס און ווילען אויסמיידען אַ גייסטיגע סכנה פון די קינדער (יונגלעך, מיידלעך, בחורים, יונגעלייט) זאָלען נישט שיקען די קינדער איינקויפען אין דעם דאָזיגען געשעפט אַפילו איין מאָל אויך נישט. און משפיע זיין אויף זייערע פאַרהייראַטע קינדער דאָס זעלבע.

**געבענטשט** זאָלען זיין די הונדערטער עלטערן וועלכע נעמען נישט אַריין דעם דאָזיגען מאכל (פּיצאַ) אין שטיב און זענען מחנך די קינדער אויף דעם גייסט. זיי זענען בעזה״י אויסגעהיט פון דעם מכשול.

❁ ❁ ❁

## היטען די הויגען

### ענינים פון שידוך ביז נאָך די חתונה

**וועגן** טרעפען זיך פון שידוך ביז נאָך די חתונה פערזענליך אָדער טעלעפאָניש, און אַפילו בלויז קיקען בילדער פון די כלה טאָר נישט דער חתן ביז נאָך זיין חתונה. מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט אַז מ׳דאַרף אַכטונג געבן די קינדער, בחורים, מענער זאָלען נישט זעהן קיין שום חתונה בילדער ווי עס געפינען זיך אויך בילדער פון פרעמדע פרויען.

**א)** דער מנהג פּרוץ אַז דער חתן קימט זיך ציזאַם מיט די כלה פון די שידוכים ביז די חתונה איז ליידער שוין אַן אַלטע פּירצה, וואָס די גדולים וקדושים אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק האָבען שוין פאַרפירט דערקענען איבערווייזענדיג די האַרבקייט דערפין אַז דאָס איז פון די האַרבסטע עבירות פון די תורה, און לויטען רמב״ם מיט׳ן שלחן ערוך, איז עס יהרג ואל יעבור, (של״ה או׳ ק׳, יערות דבש ח״א דף כה: ושנוי

בכו"פ סי' קצ"ה בסופו, שו"ת מעיל צדקה סי' י"ט, באר הגולה יור"ד קצ"ב או ז', החיד"א בעבוה"ק צפורן שמיר סי' ו' פ"ד-פ"ז קש"נ קנ"ב י"ג, פלא יועץ - ערך כלה, נדחי ישראל - לחפץ חיים, מפרק כ-כה, עת לעשות ח"א שאלה ל"ז לר"ה קאלאמייער, ועוד).

**דער** רבי ר' יהונתן זצ"ל רעדט זייער אַ סך פון דעם אין זיינע דרשות און שרייט און וויינט פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט געבוירען ווערען אַ צייט וואָס עס הערשט אַזאַ פּירצה, אויספירענדיג אַז דער וואָס איז מפקפק אַז קען זיין דאָס עפ"י התורה איז עס נישט אַזוי האַרב דעריבער דאַרף מען זיך פירען ווי דער מנהג, דער איז אַ מין, רשע, אפיקורס, (שם). און מיר געפינען נאָך אין מדרש, אַז יעקב אבינו האָט נישט גערעדט מיט רחל אמנו און נישט געקוקט אויף איר פונעם שליסען שידוך ביז'ן טאָג פון חתונה, (מדרש תנחומא פ' ויצא) דאָס מיינט זיבען יאָר נאָכאַנאַנד.

**ב)** און גלייכצייטיג געפינען מיר אויך אין די ראשונים אַז דאָס געהער צום אידישען צניעות אַז די כלה זאָל אויסמיידען פון זיך צו באַווייזען פאַר'ן חתן (רד"ק בראשית כ"ד עה"כ ותקח הצעיף ותתכס), פון די ווערטער לייענען מיר אָפּ אַז אַפילו בלויז זעהן איר טאָר מען נישט ביז די חתונה (וע"ע בסמוך).

**ג)** טייל שרייבען אַז דאָס איז דער מנהג פון די אשכנזים זיך נישט צו זעהן איינער דעם אַנדערן, (שו"ת מהרשד"ם סי' ל,א).

**די** ערליכע וועלכע טרעפען זיך נישט דאַרפען וויסען אַז זעהן בילדער (פיקטשערס) פון די כלה טאָר מען אויך נישט. ביז די חתונה איז זי ווי אַ פרעמדע. (אפריון פ"ה, עיני ישראל סי' ד')

**ד)** אין ספר אלה המצות (מהר"ם חאגיז, מ' תקנ"ב) שטייט צום גוטן זאָלען דערמאַנט ווערען די לייט פון ארץ ישראל וואָס היטען זייערע טעכטער אַפילו דער חתן זאָל זי נישט זעהן.

❀ ❀ ❀

## שמיסען נאָכען וואָרט אָדער תנאים

**ה)** גלייכצייטיג זענען מיר מעורר אַז דאָס שמיסען נאָכ'ן וואָרט - תנאים, וואָס איז איינגעפירט ביי אַ טייל האָט נישט קיין היתר, און שמעקט מיט גרויס אחריות, ווייל מען איז מכשיל דעם בחור עובר צו זיין אַ איסור, (דאחר השידוך אסור, כמבו' בנתיבות לשבת אה"ע כ"א סק"ה, שלמת יוסף סי' ג'), דעריבער איז דאָס בעסטע דאָס אויסצומיידן, און טאַקע אין דעם זכות וועט מען זוכה זיין ו האָבען כשר'ע אידישע דורות מיט אַ סך נחת.

**ו)** אָט האָט איר די שאַרפע רייד וואָס הגה"ק מרן בעל ישמח משה זצ"ל דריקט זיך אויס אויף די אַלע מכשולות (פ' תבא - ד"ה או"י והי', השלישי) פאָלגענד: איך האָב זיך אייביג געווינדערט פאַרוואָס מיר זענען נאָכנישט אויסגעלייזט געוואָרען פון גלות, רוב אידען זענען דאָך כשר?? נאָך פאָרשונגען בין איך געוואָר געוואָרן אַז אין די בחור'שע יאָרען טיט מען אָפּ בינטלעך עבירות ווי לאַנג עס איז שוין גענוג פאַר אַ גאַנץ לעבן, און מען טוט נישט קיין תשובה דערויף און דאָס איז דער גאַנצער גורם, זעה נאָך וואָס דער יערות דבש שרייבט (ח"א דרוש ג') וועגן חתן און כלה, דעריבער דאַרף מען וואָרענען די בחורים און חתנים, ווי אויך דאָס גאַנצע פאָלק אַז זיי זאָלען תשובה טוהן אויף זייערע עבירות פון אַלס בחור, און מען זאָל וואָרענען וועגען ציזאַמען קימען פאַר די חתונה, וואָס עס איז אַ איסור גמור. (דאָס זענען זיינע ווערטער).

**ז)** דער הייליגער רמב"ם זצ"ל דערמאָנט אויך אין זיין חיבור (ה' תשובה פ"ד ה"ד) אַז איינס פון די פינעף זאַכען וואָס געוויינליך טיט מען נישט קיין תשובה דערויף איז קיקען אויף עריות, און די סיבה איז ווייל רוב מענטשען האַלטען דאָס נישט פאַר קיין עבירה, קימט אויס אַז ער זינדיגט און ער מיינט אַז ער טיט גאָרנישט, ע"כ.

**ח)** דער מנורת המאור (נר ג' כלל ו' ח"א פ"א) שרייבט מען זאָל זיך נישט זוימען צווישען דעם שידוך טוהן און די חופה, (ע"ש מילתא

בטעמא, ומקורו מפסיקתא שדרשוהו מכ׳ תוחלת ממושכה מחלה לב), און דאָס איז אַ וויכטיגע לערנונג פאַר די אַלע (אַפילו מדקדקים) וואָס פאַרשלעפּן די צייט פון שידוך ביז די חתונה, דאָס איז אַ גרויס אחריות פון די עלטערן (ע״ש ותבין).

**ט)** דער מחזה עינים (סוף הס׳) שרייבט: ווי שלעכט און ביטער איז וואָס מען טוט זוימען דעם זמן פון די חתונה.

**עס** איז וויכטיג צו געדענקען צוליב אומוויכטיגע סיבות נישט שלעפּן די חתונה ווייל די נסיונות שאַדען שטאַרק שפּעטער ווי מ׳זעט פון אויבענדערמאָנטען ישמח משה זצ״ל.

❁ ❁ ❁

## היטען די אויגען

### חופה באַדעקען

**י)** לויט ווי מיר האָבען אויבען געשריבען האַלטען אַלע פוסקים אַז קיקען צו די נשים איז פאַר קיין פאַל ערלויבט (אויסער די געציילטע, מוטער, טאָכטער כו׳), דעריבער דאַרף מען זייער געוואָרענט זיין ווען מען שטייט ביי די חופה און עס קימט אויס אַז עס שטייען מענער נישט ווייט פון די פרויען אָהנע מחיצה, אַז מען טאָר נישט אַהין קיקען אַפלו מען האָט נישט קיין ברירה איז דאָס נישט ערלויבט, ווי דער ספר חסידים שרייבט (זעה אויספירליך ווייטער או׳ ד׳),און אַזוי שרייבט אויך דער ערוך השלחן (אה״ע ס״ה או׳ ד׳), אַז אויב זעט מען פרויען איז בעסער אינגאַנצען נישט צו גיין (וכ״נ בט״ז להמעיין היטב בדבריו), איידעלע בחורים יראי ד׳ גייען בכלל נישט צו קיין חופה, און כ״ש באַדעקן.

**יא)** דער ספר חסידים (סי׳ ט׳) שרייבט: דער וואָס זעהט נישט קיין פרויען בפרט ביי אַ חופה ווען זיי זענען באַקליידעט מיט צירונג און ער קיקט נישט וועט ער זוכה זיין צו דעם פיל גיטס וואָס איז אָנגעגרייט לעולם הבא, ע״כ.

**יב)** עס איז העכסט אינטערעסאַנט, אַז ביים באַדעקן איז איינגעפירט אַז מען גייט אַריין ביז טיף אינעווייניג צו די פרויען צו באַדעקן און די פרויען לויפן זיך צוזאמען און עס הערשט אַ גרויס תערובות. חסידים ואנשי מעשה, מדקדקים און יראי ד׳ וואָס וואָלטן פאַר די וועלט נישט אַריינגעטרעטן אין אַ פלאַץ ווי עס איז דאָ תערובת (או״נ) און פינקט אין אַזאַ הייליגן טאָג, אין אַ פאַרכטיגן ערנסטן מאָמענט מוז מען דאָס טוהן??? דער יסוד נעמט זיך פון דעם וואָס די מחותנים מיינען אַז מען קען נישט אַנדערש ציקימען מיז מען באין ברירה אַזוי באַדעקן.

**יג)** דאָס איז אָבער אַ פאַרדריסלעכער טעות, ווייל עס איז דאָ אַ גלאַטע עצה אָהנע איבריגע טירחא, אויב עס איז דאָ אַ שטיבל נעבן ווייבער זאַל וואָס מען קען עפענען פון צוויי זייטען הייסט מען די כלה מיט די מחותנות אַהין גיין צי די טיר, און די מחותנים גייען אַריין דאָרך יענע טיר. דער צווייטער אופן וואָס איז איבעראַל שייך אַז מען פאַרלאַנגט זיי זאָלען ציקימען צום טיר פון זאַל, און די מחותנים גייען ביז אַהין, טייל מחותנים האָבען זיך אַזוי געפירט, און געווען העכסט צופרידען וואָס זיי האָבען נישט געדאַרפט אינעם זמן השמחה צושטערן די פרייד מיט דעם דורכגאַנג, מען שמיסט דאָס אָפּ פאָרויס און בשעת מעשה שיקט מען אַריין אַ קינד איינמעלדן נאָכאַמאָל.

**יד)** געדענקט די באַקאַנטע רש״י (ריש קדושים) ווי מען שטעלט צו נאָך אַ צוים צו די ענינים ברענגט מען אַריין נאָך קדושה, און דאָס זיכט דאָך יעדער ביי די חתונה ווייל ווי מער קדושה איז שטאַרקער די השראת השכינה הק׳, און דאָרט ווי די שכינה איז גיסט זיך ברכות און ישועות פאַר׳ן גאַנצען כלל (ככתוב באור פני מלך חיים, עי׳ רמב״ן עה״כ וירא אליו ד׳).

✿ ✿ ✿

## היטען די אויגען

**מצוה טאַנץ ביי חתונה:** עס איז דער סדר העולם צו מאַכען אַ מצוה-טאַנץ און פרויען זענען דאַמאָלטס אין זעלבן זייט ווי די מענער. דאָס מיינט נישט אַז דאַן איז ערלויבט צו קיקען ווי מען וויל, עס איז אין אַ געוויסען זין נאָך מער איסור דערפאַר ווייל די פרויען גייען דאַמאָלטס מיט צירונגען און שיין געקליידעט. ס׳איז די פליכט פון די בעלי שמחה משתדל זיין אויסשטעלן דעם גאַנצען סדר אַז פרויען זאָלען זיין אָפּגערוקט פון די מענער ווי ווייט מעגליך, און אויב מעגליך נישט זיצען פנים כנגד פנים נאָר ווי אַ ריש (ר). טייל פירען זיך צו האָבען גלעזערנע מחיצות (טינטעד פענסטער) די פרויען זאָלען קענען זעהן און די מענער נישט.

**דאָס** זעלבע ביי די חופה דאַרף מען אויך אַכטונג געבן אויך אויף תערובות פון מענער און פרויען. מיר וועלן ציטירען דעם לשון פון ס׳ חסידים (סי׳ ט׳) וועלכער שרייבט: דער עיקר שטאַרקייט פון חסידות וכו׳ ער זעהט נישט קיין פרויען בפרט צווישען אַנדערע מענער ווען אַלע קיקען יאָ, צב״ש ביי אַ חופה ווי די פרויען גייען מיט צירונג יעדער קיקט און ער נישט, דערפאַר וועט ער זוכה זיין צום גרויסען אומענדליכען שכר און זיינע אויגען וועלען זיך זעטיגען פון די שיין פון די שכינה הקדושה.

## הכנסת אורחים

**אויב** מ׳נעמט אַ גאַסט אין שטיב שבת, יום טוב, פורים, א.אַ.וו. דאַרף מען זעהן דערצו ער זאָל זיין פלאַצירט ביים טיש אין אַ אופן ער זאָל נישט זיצען קעגן איבער פרויען, און אַודאי נישט אַריינגעדרייט

ווערן רעדענדיג מיט זיי ווייל דאַמאָלטס איז דאָס אַ מצוה הבאה בעבירה. אין די ספרים שטייט, אַז דער וועלכער נעמט אַ אורח איז פונקט ווי ער וואָלט מכוין געווען אַלע כוונות האריז"ל בתנאי ער זאָל קענען אָפּהיטן די אויגען. (הצה"ק מסטרעליסק זי"ע).

## פורים

**אידישע** קינדער גייען אַרום נאָך געלט, אַיי-אַיי-אַיי וואָס פאַראַ געוואַלדיגע מצוה דאָס איז, טוזענטער אידען קראַנקע צובראָכענע ווערן געהאָלפן פינאַנציעל, אָרעמע חתנים און כלות אָטעמען אָפּ פריי ווען זיי קענען שוין באַשטימען דעם זמן החתונה ערייכענדיג די מעגליכקייטן, א.אַ.וו. אָבער צום באַדויערן וויפיל אומגעווינטשענע "הסתכלות אסורות" ווערן מענטשען אומשולדיג געשטרויכלט באַגלייט מיט הרהורים רעים רח"ל, ווייל די גאַסען זענען בלע"ה באַלאַגערט פון מענער און פרויען וועלכע גייען און קומען אַגאַנצען טאָג. און אַפילו סתם אידען וועלכע גייען דורך די גאַסען שטויסען זיך אָן אין געוואַלדיגע נסיונות.

**עס** איז די אויפגאַבע פון ראשי ישיבות, משפיעים, מחנכים, עלטערן, ספּעציעל פאַר פורים יעדעס יאָר מזהיר זיין די יונגוואַרג, בחורים און יונגעלייט, די האַרבקייט פון היטען די אויגען און בפרט אַזעלכע הייליגע זמנים ווען מ'קען נתעלה ונתרומם ווערן זאָל מען ח"ו נישט נכשל ווערן אין פאַרקערטען ריכטונג. נאָר אדרבה עומד בנסיון זיין און בזכות זה נתעלה ווערן פיל פיל העכער, ווי ביי יוסף הצדיק וואָס איז דערהויבען געוואָרען דורך דעם וואָס ער איז בייגעשטאַנען בנסיון בטומאת מצרים.

## חתונה

**די** בעלי בתים פון די זאַלען, און אויך די וועלכע מאַכען חתונה, ליגט אויף זיי א פליכט אַכטונג צו געבן אַז די מחיצות זאָלען זיין גאַנץ פון אויבען ביז אונטען געהעריג פאַרמאַכט נישט צי קענען דורכזעהן

און נישט קענען אַוועקריקען. און ביי די האָלס (קאָרידאָרען) זאָל אויך זיין אָפּגעטיילט מענער פון פרויען, שוין אָנגעהויבען פון די טיר אונטען ביים אַריינגאַנג זאָל זיין אַ גוטע הפסקה צווישן די טיר וועלכע מענער גייען אַריין און די וועלכע פרויען גייען.

## קליינע שמחות

**פאַר** מ'מאַכט אַ בר-מצוה, תנאים, שבע ברכות, פדיון הבן, אין אַ זאַל זאָל מען גוט מברר זיין אויב עס איז אָפּגעטיילט געהעריג, כדי די שמחה זאָל זיין בשלימות.

## תורה היט די אויגען און געדאַנקען

**דער** רמב"ם פסק'ט (סוף הל' איסו"ב) אַז אויב מ'טוט זיך אַריין אין תורה פאַלען אַוועק אַלע פסול'ע געדאַנקען. שרייבען די ספרים אַז דאָס מיינט לערנען תורה בעיון, פאַרטיפען דעם מוח און געדאַנק אין תורה (נועם מגדים בפתיחה).

## נישט מכשיל זיין אַנדערע

**דאָס** ערגסטע איז מכשיל זיין אַנדערע, אָדער אַפילו אַריינברענגען אין אַ נסיון ווייל מ'קען דאָך נישט באַוואָרענען יענעמ'ס יצר הרע, און ביים מכשיל זיין יענעם טראָגט מען אַלע זייערע מכשולות אויף די אייגענע פלייצעס און מ'דאַרף ליידען דערפאַר, און אַפילו מתושלח'ס יאָרען זענען נישט גענוג תשובה צו טוהן. מיר וועלן אויסרעכענען עטלעכע אַקטועלע ביישפילען ווי מ'איז יענעם מכשיל אָהנע באַמערקן:

**א)** אַ דרייווער וועלכער פירט מענער, בחורים אדער קינדער (דורך אַ באָס, ווען אָדער קאַר סערוויס) און מ'פאָרט דורך פריצות'דיגע גאַסען אַנשטאָט אַנדערע שענערע.

ב) אויב מ׳שיקט אַרויס אַ בחור (אַ חבר אָדער תלמיד) אויף די גאַס אָדער אין געשעפט זומער און מ׳וואָלט זיך אָהן דעם אויך עפּעס אַ עצה געגעבן.

ג) מ׳לאָזט די פרוי אָדער טעכטער אַרויסגיין מיט קליידער וועלכע זענען נישט געווענליך לאַנג און באַדעקט נישט געהעריק די האַלז, הענט, פיס, אָדער מ׳לאָזט גיין מיט דורכזיכטיגע שטרימפ, אָדער מיט אויפפאַלענדע מלבושים וועלכע ציען דאָס אויג דורך זייער אויסזעהן אָדער פאַרב צב״ש רויטע, געהלע, ווייסע שיך צי קליידער צי קיטען (העל׳ס) א.אַ.וו. (שבת ס״ב, תענית כ״ד, סי׳ יעב״ץ אחר דיני ת״ב, יור״ד קע״ח, שו״ת ד״ח יור״ד סי׳ ל׳ וח״ב סי׳ נ״ח, בית שלמה יור״ד קצ״ז, שבילי דוד יור״ד קנ״ז, טוטור״ד מה״ק קפ״ח).

ד) דער הייליגער רבי ר׳ יהונתן אייבשיץ זצ״ל פאַרפירט געוואַלד אויף די טאַטעס וועלכע קיקען זיך נישט אים אויף די קינדער ווי אַזוי זיי גייען געקליידעט וואָס דורכדעם זינדיגען די קינדער דריי-פאַכיג: א) צניעות, ב) מכשיל די שטיב-מענטשן מיט ברכות לבטלות, ג) מכשיל מיט הרהורי עבירה. (עי׳ ח״א כמה דרשות בזה)

ה) דער וועלכער פאַרקויפט אָדער האַנדעלט מיט זאַכען וועלכע האָבען נישט כשר׳ע בילדער.